צי וויסט דער אַקטיאָר בעת זיין שפּילן ווי עס וועלן זיין די אַפּלאָדיסמענטן? יאָ, ער דאַרף און מוז עס וויסן. אַנדערש איז ער נישט קיין אַקטיאָר. עס דוכט זיך אונדז, אַז אַ גרויסן אַקטיאָר דאַרף עס נישט אַרן, ער דאַרף זיין פאַרטאָן אין שפּילן, ער דאַרף שאַפן די געהעריקע געשטאַלט און ווייטער דאַרף אים גאָר נישט אָנגיין.

נישט אמת. דאָס געשעט נאָר מיט אַ קליינעם, ווייניק טאַלענטירטן, אַקטיאָר. וואָס מער טאַלענטירט דער אַקטיאָר איז, אַלץ קאַלטבלוטיקער און רואיקער איז ער בעתן שפּילן. און ער מוז זיין רואיק, באַהערשט און קענען קאָנטראָלירן, צי עס איז אים געלונגען אָנצוצינדן דעם עולם אין זאַל. זיין אויפגאַבע איז צו באַהערשן די הערצער און פאַרכאַפּן די בליקן. דער אַקטיאָר מוז פילן, ממש אָנטאַפּן מיט די הענט דעם אָטעם וואָס גייט פון זאַל. עס מוז זיין אַ געפילן־אויסטויש צווישן אים און דעם עולם דער אַקטיאָר מוז אַראָפּ צום עולם און דער עולם מוז צוריק אַרויף אויף דער בינע. דעמאָלט קומט פאָר די הייליקע פאַרבינדונג פון זיי ביידע.

ווען דאָס געשעט מוז פון עולם זיך ספּאָנטאַניש אַרויסרייסן דער אַפּלאַוז.

צי איז טעאַטער בלויז אַ באַפרידיקונג פאַרן אַקטיאָר זיך אויסצולעבן אין די ראָלן, וואָס ער שפּילט?

ניין. שפּילן טעאַטער איז קודם־כל אַן אידיי. דער פּאָליטיקער, דער שרייבער, צי געזעלשאַפטלעכער טוער קעמפט מיט זיינע מיטלען פאַר זיין אידיי. דער אַקטיאָר פירט דעם קאַמף דורך שפּילן.

ער לעבט זיך אויס אין אַ ראָל מיינט צו זאָגן, אַז ער האָט געזאָגט דאָס וואָס ער וואָלט אויף אַן אַנדערן אופן, מיט פּשוטע ווערטער, נישט געווען אין שטאַנד צו זאָגן. עס טרעפט, אַקטיאָרן שפּילן אָפּ אַ גאַנץ לעבן און דערגייען נישט צו דער פּאַסיקער ראָל אין וועלכער זיי זאָלן קאָנען אַלץ אַרויסזאָגן; זיך באַפרייען פון די פּענטעס וואָס מאַטערן זיי, אַרויסזאָגן אַלץ וואָס זיי טראַכטן, אַרויסשפּילן אַלץ וואָס עגבערט זיי — זענען זיי אומצופרידענע, טרייבט עס זיי צו דער בינע. וואָס מער שפּילן, וואָס מער זיך אויסלאָדן.

ווען מען רעדט וועגן אַן אַקטיאָר זאָגט זיך זייער לייכט: „ער טויג נישט" (הגם עס טרעפט, אַז דער וואָס זאָגט עס, האָט נישט קיין אַנונג וואָס עס מיינט אַ גוטער אַקטיאָר...); קיינער ווייס אָבער נישט וויפיל כוח עס קאָסט אים זיין שפּילן, זיינס אַן אויפטריט. ווער נאָך ווי דער אַקטיאָר איז פּילפאַכיק פאַרשקלאַפט; פאַרשקלאַפט צו זיינע שטימונגען, פאַרשקלאַפט צו דער בינע, פאַרשקלאַפט צו זיינע אינערלעכע ראַנגלענישן און רייסענישן.

באַמערקונג פון רעדאַקציע: אין נומער 6 „מעלבורנער בלעטער" אין דעם פעליעטאָן פון רחל בעקער איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרדריסלעכער טעות אין קעפּל. אָנשטאָט „דער נייער מענטש", דאַרף זיין „דער נייער צענטר". מיר אַנטשולדיקן זיך פאַר דער שרייבערין.

---

י. וואַרשאַווסקי

# „קדימה"־טעטיקייט

די טעטיקייט פון דער „קדימה" אין 1976 האָט זיך אויסגעברייטערט אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן.

סוף 1975 האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער ליטעראַראַריש־געזעלשאַפטלעכער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער" אין יידיש און ענגליש, פון וועלכן עס זענען שוין דערשינען 6 נומערן. דער זשורנאַל איז נישט נאָר אַ טריבונע פאַר דעם היגן שרייבער, ער שפּיגלט אָפּ דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און נעמט שטעלונג צו פּראָבלעמען וועלכע האָבן אַ שייכות מיט יידיש לעבן אין דער וועלט.

דעם יאָר זענען אויך פאַרגרעסערט געוואָרן די יידישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען אויף די סטאַציעס 3־זעט־זעט און 3ע־אַ; די אוידיציעס צייכענען זיך אויס מיט זייער קולטורעלן ניוואָ, קינסטלעריש צונויפגעשטעלטע פּראָגראַמען אין פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'קומען אָן דאַנק־בריוו אין סעקרעטאַריאַט פון „קדימה" מיט אָנערקענונג פאַר די פּראָגראַם־צונויפשטעלער און אויספירער.

דער דוד הערמאַן טעאַטער האָט מיט דערפאָלג געשפּילט מערערע מאָל שלום־עליכמס „די יורשים" (סענדער בלאַנק) סיי אין מעלבורן און סיי אין סידנעי. רעזשיסירט האָט דער רעזשיסער יעקב ראָטבוים, וועלכער איז צוליב דעם ספּעציעל געקומען פון פּוילן. יעקב ראָטבוים האָט אויך געגעבן עטלעכע רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס און קינסטלערישע וואָרט־קאָנצערטן, ווי אויך אַ געלונגענע בילדער־אויסשטעלונג אין די זאַלן פון „קדימה".

די אַלע אונטערנעמונגען האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

אין חודש סעפּטעמבער פ"י האָט די „קדימה" אויפגענומען דעם גאַסט־רעדנער פון אַמעריקע פּראָפ. עזריאל

אונטערן שאָטן פון אַ בוים זיצט אַ גרופּע ייִדן און איינער פון זיי האַלט אַ גאַנצן „רעפעראַט":

— איר האָט געמעגט לייענען דעם נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָרט גיט אָפּ „כאַווער אַרן", דער רעדאַקטאָר, אַ באַריכט פון דער נישט לאַנג צוריק פאַרגעקומענער ייִדישער קולטור־קאָנפערענץ אין ירושלים. דאַרפט איר זען ווי מיט אַן אמתער מאַרק־שפּראַך רייסט ער ממש שטיקער פון אַלץ און פון אַלעמען.

— ער דערמאָנט דאָרט אויך אונדזער רעדאַקטאָר יצחק רובינשטיין, דעם „ראָוו" ראַפּאָפּאָרט און אונדזער דעלעגאַט דעם „ציִיעניסטישן" נאָכלויפער יאַשאַ שער. אַלע אַנדערע דעלעגאַטן זענען: „פאַררעטער און דעזערטירן", „וולאַסאָווצעס", „באַגרעבער פון דער ייִדישער קולטור" און „ליטעראַטן פון דער אונטערוועלט" (צווישן זיי באַפאַלט ער אויך עלי וויזעל, וועלכער איז אויף דער קאָנפערענץ בכלל נישט געווען), אַלע, לויט אים, האָבן גערעדט „פּוסטע רייד", פול „מליצע" און „צוויאַקיש־קייט"! דער „כאַווער אַרן" פאַרענדיקט: היינט איז לעבנס־נויטווענדיק, אַז די פּראָגרעסיווע ייִדישע קולטור־שעפער זאָלן ווידער און ווידער אויפקלערן פאַר זיך, אַז דער „ציִעניזם" איז אַ „סוינע" פון דער ייִדישער קולטור. און דער ייִד פירט אויס: בלייבט אונדז נישט מער איבער ווי וואַרטן אויפן נומער 11 פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וואו דער „כאַווער" רעדאַקטאָר וועט זיכער איבערגעבן אַ באַריכט פון דעם נישט לאַנג צוריק „פּלאַנירטן" (פאָרגעקומענעם?) קולטור־סעמינאַר אין מאָסקווע...

רופט זיך אָפּ אַן אַנדער ייִד:

— אויב ווערגעליס האָט געקאָנט אָרגאַניזירן אַ ייִדישע קאָנפערענץ אין בריסעל, אַנטקעגן דער קאָנפערענץ וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע ייִדן, טאָ פאַר וואָס־זשע אָרגאַניזירט ער נישט אַזאַ ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ אין מאָסקווע, אַנטקעגן דער ירושלימער קאָנפערענץ פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור? לאָמיר האָפן, זאָגט דער ייִד, אַז גאָר בקרוב וועלן מיר וועגן ווערגעליסעס אויפטו לייענען אין „סאָוועטיש היימלאַנד"...

רחל בעקער

# דער כוח פון אַפּלאָדיסמענטן

דאַכט זיך עס איז גאָר נישט: אַ באַוועג מיט די הענט, אַ פּאַטש, אַן אַפּלאָדיסמענט, און דאָך — וויפיל לעבן ליגט אין דעם. ווי גרויס איז די באַדייטונג דערפון פאַר דעם וואָס דאַרף עס האָבן. צי דאָס איז אַן אַקטיאָר, אַ שרייבער, אַ מאַלער, צי דאָס איז אַ טענצער, אַ רעדנער, אַ מוזיקער. יעדער וואָס האָט זיין לעבן פאַרבונדן מיט אַנדערע לעבנס. די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז אַ קייט פון פאַרבונדענע לעבנס. אויב פאַר אַ געוויינלעכע מענטשן איז גענוג צו האָבן אַ גרופּע נאָענטע פריינד, וואו ער געפינט אויף פאַרשידענע אופנים זיינע אַפּלאָדיסמענטן, צי דאָס איז אין דער פאָרם פון קעגנזייטיקער פריינטשאַפט, צי אין אַן אַנדער פאָרם, מוז דער קינסטלער האָבן אַ פריינד אין יעדן איינעם באַגעגנטן מענטשן. אין פּשוטע ווערטער הייסט עס: אָנערקענונג. פאַר דער אָנערקענונג קעמפט ער זיין גאַנץ לעבן.

צי איז דאָס בלויז אַ ווילן צו זיין העכער פון אַנדערע?

דאָס אויך, אָבער נישט בלויז דאָס. אגב, איז שוין דאָס וועלן זיין העכער אַ באַוויז פון אַ רייפן מוח. עס איז אַ געזונטע אַמביציע. עס איז אַ פאַרלאַנג פון קלעטערן וואָס אַ מאָל העכער. נאָר דער עיקר נעמט זיך דאָס דערפון וואָס אַ מענטש מיט אַ מער אָדער ווייניקער קינסטלערישער נשמה איז קיין מאָל נישט באַפרידיקט. עס איז פאַר אים נישטאָ קיין גענוג. ער מאַטערט זיך, שלייפט זיך, אַרבעט איבער זיך, פיניקט זיך, ביז ער באַוויזט אַרויסצוברענגען כאָטש אַ דינינקן שטריך פון זיין שאַפן. האָט ער עס באַוויזן, שפּילן דאַן די גרעסטע ראָל די אַפּלאָדיסמענטן. זיי קאָנען אים שטאַרקן און אָנרעגן צו אינטענסיווערער אַרבעט. זיי קאָנען אים, אויב זיי זענען שוואַכע — אַרונטערשווענקען אין גאַנצן.

דער אָטעם פון קינסטלער זענען די אַפּלאָדיסמענטן, לייען — אָנערקענונג. עס געשעט אָפט מאָל, אַז ווייל מען האָט שוואַך אַפּלאָדירט פאַרשטאַרקט זיך דער קאַמף ביים קינסטלער צו דעראָבערן מער, און ער קעמפט אַזוי לאַנג, אַ מאָל ביזן גרויען עלטער. ביז וואַן ער פילט, אַז היינט איז עס געשען, היינט האָט זיין חלום זיך פאַרווירקלעכט, און דעמאָלט קומט די אויפלייזונג. דעמאָלט ווערט ער ביי זיך זיכערער. עס טרעפט אַ מאָל, אַז צופיל זיכערקייט מיט זיך ברענגט אַ קאַטאַסטראָפע. ווען מען באַפרייט זיך פונעם געראַנגל פאַר דעראָבערן וואָס מער, ווען עס איז שוין נישטאָ דער ציטער, געשעט אַז מען קען אַראָפּפאַלן נאָך נידעריקער ווי ביים סאַמע אָנהויב. און דאָס טרעפט צוליב דעם, וואָס דער קינסטלער האָט איבערגעריסן דעם פאָדים וואָס האָט אים געבונדן מיט דער מאַסע, מיט דעם עולם.

אין איצטיקן מאָמענט מיינען מיר קאָנקרעט אַקטיאָרן. איך ווייס נישט וואָס איז אמת: צי ווייל מען איז עמפינדלעך איז מען אַן אַקטיאָר, צי ווייל מען איז אַן אַקטיאָר איז מען עמפינדלעך. ווי עס זאָל נישט זיין, קען אַ מאָל אַ באַגעגנטער קאַלטער בליק דעם אַקטיאָר צעשמעטערן און דאַן איז זיין אויפטריט געפּטרט. פּונקט אַזוי קען געשען פאַרקערט, ווען אַ גוט וואָרט, אַ ווייכער

# וואָס יידן זאָגן...

**וואָס זאָגן יידן נישט ?...**

אונטערגעהערט, פאַרצייכנט און איבערגעגעבן פון
## רוטעלעס

דעם זומער האָבן מיר פאַרבראַכט אונדזער אָפּרו ביים ים, אויף אַ שיינעם אינדזל, אין דער געזעלשאַפט פון אַ 5־6 צענדליק יידן פון פאַרשידענע קרייזן, געזעלשאַפטן און ריכטונגען, מיט פאַרשידענע אָנשויאונגען און מיינונגען — אין פאַרשידענע לשונות. וויי־וויי, וואָס מיר האָבן זיך דאָרט אָנגעהערט!

און וואָס איז אַ וואונדער? איר האָט שוין אַ מאָל געזען אַז עס זאָל זיך באַגעגענען אַ גרופּע יידן און כאָטש צוויי פון זיי זאָלן האָבן די זעלבע מיינונג?

וויפיל יידן אַזוי פיל השערות, אַזוי פיל מיינונגען, אַזוי פיל טעאָריעס... און יעדער רעדט עס מיט אַזאַ זיכערקייט, מיט אַזאַ אויטאָריטעט, אַז איר קאָנט מיינען, אַז נאָר ער איז אַ מומחה אין פּאָליטיק און עקאָנאָמיע, אַז בלויז ער קען זיך אין די פאַרשידענע קרענק, כמעט אַ פּראָפעסאָר און אַז בלויז ער איז אַ מבין אויף ליטעראַטור, מוזיק, קינאָ, טעאַטער און קונסט.

און פּרוווט אים אַ צווייטער איבערשרייען און דערוויזן, אַז אויך ער האָט אַ מיינונג, ווערט אַ טומל, אַ געשריי און די קולות דערגייען אַזש ביזן הימל.

כ'האָב געפּרוווט פאַרגעדענקען טייל פון די השערות, המצאות, ווערטלעך און חכמות וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן בעת די דאָזיקע שטורמישע „מיינונגס־אויסטוישן" און וועל איבערגעבן בלויז עטלעכע פון זיי.

* * *

צוויי יידן „מאַנופעקטשורערס" זיצן אויפן קליינעם פאַרקאַנדל פאַרן גאַסט־הויז.

— אוי, אונדזערע ביזנעס ליגן אַזוי גוט אין דר'ערד, נאָר משיח אַליין קאָן אונדז העלפן.

— משיח, ווי אַזוי?

— שטעל דיר פאָר, אַז משיח איז געקומען און אַלע יידן שטייען אַזוי אויף תחית המתים, וויפיל קליידער מען וואָלט עס באַדאַרפט האָבן!... מיין גאַנצן „סטאָק" וואָלט איר דאָך געקאָנט „פאַרקלאַפּן"...

— יאָ, אָבער צווישן די תחית־המתימניקעס וואָלטן דאָך אויך געווען שניידער...

— אמת, אָבער וואָס ווייסן זיי פון דער היינטיקער מאָדע...

* * *

אין עס־צימער.

— „עקסקיוז מי מיס", די „קעבעדזש" זופּ איז צו זויער!

— דאָס איז נישט קיין „קעבעדזש" זופּ, נאָר אַ „טשיקען"־זופּ!

— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש. סאָרי! פאַר אַ „טשיקען"־זופּ איז עס גענוג זויער...

צוויי יידענעס ביים „ביטש".

— „יו אַר טעללינג מי" וועגן דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין ישראל? נאָר „נעוועד מיינד"! אַז מען האָט אַ חוש פאַר ביזנעס קאָן מען זיך אומעטום אַרויפאַרבעטן! אָט איז מיינער אַ „נעפיו" אַוועקגעפאָרן קיין „איזראַעל" אין גאַנצן מיט זעקס יאָר צוריק אין איין פּאָר צעריסענע הויזן און איצט שרייבט ער מיר, אַז ער פאַרמאָגט שוין אַ מיליאָן!

— „יו דאָנט סעי"! זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס טוט אייער „נעפיו" מיט אַזוי פיל צעריסענע הויזן?...

* * *

צוויי יידן גייען אין דער פרי קויפן אַ צייטונג.

— צי ווייסטו, מענדל, די צוויי גרעסטע צייטונגען אין רוסלאַנד זענען די „פּראַוודאַ" און די „איזוועסטיאַ"?

— נו?

— בעת מען האָט געלערנט „פּאָליט־גראַמאָטע" אין דער אַרמיי פרעגט דער פּאָליטרוק אַ זעלנער:

— די „פּראַוודאַ" קענסטו?

— יאָ — זאָגט דער זעלנער

— און די „איזוועסטיאַ"?

— יאָ — זאָגט דער זעלנער.

— און די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ"?

— ניין — זאָגט דער זעלנער.

— וואָס הייסט?

— די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", חבר קאָמאַנדיר, האָב איך נאָך נישט געראָויכערט...

* * *

— צוויי יידן קומען צוריק פון קויפן אַ צייטונג.

— דערפאַר האָבן אָבער די סאָוויעטן איצט אויסגעגלייכט זייער רובל מיטן ענגלישן פונט און מיטן אַמעריקאַנער דאָלאַר!

— איז וויפיל האַלט איצט דער סאָוויעטישער רובל?

— פאַר איין פונט רובלען קריגט מען אַ דאָלאַר...

* * *

ביים קאָרטשן־טישל.

— מענדל, אפשר קאָנסטו מיר באָרגן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, אָבער נישט פריער ווי איך וועל צוריקקומען פון ישראל?

— ווען קלייבסטו זיך דען קיין ישראל?

— קיין ישראל? ווער פאָרט קיין ישראל?

* * *

# אויסטראַלישע פילמען

קובאַ גאַטלער

## "MRS. ELIZA FRASER"

דירעקטאָר: טים בורסטאַל.
פילם־סצענאַר: ד. וויליאַמסאָן.

טים בורסטאַל האָט געשאַפן אַ פילם וועגן אַן אויטענטישער געשיכטע, וועלכע האָט פּאַסירט אין אויסטראַליע אין יאָר 1836. טראָץ דעם פעלט אין פילם דער קינסטלערישער אמת און דעריבער איז דער פאַרלויף פון די געשעענישן נישט איבערצייגנדיק. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל דער דירעקטאָר האָט געהאַט אין זין נישט די קינסטלערישע זייט פון פילם, נאָר דעם מאַטעריעלן דערפאָלג — דעם „באָקס־אָפיס". צוליב דעם גייען מיר אַרויס פון דעם פילם מיט אַ געפיל פון אומצוטרוי. דער אמת אָן דער שעפערישער אינטואיציע פון קינסטלער הערט אויף צו זיין אמתדיק.

דער סצענאַר איז די געשיכטע פון קאַפּיטאַן פראַזער און זיין פרוי עליזאַ און זייער שיף, וועלכע איז אַרויף אויפן שטיינערנעם ברעג פון אויסטראַלישן צפון. זיי פאַלן אַריין אין די הענט פון אַבאָרידזשינעס. וועגן דעם צוזאַמענשטויס פון צוויי קולטורן וואָלט מען געקאָנט מאַכן אַן אינטערעסאַנטן פילם. אָבער טים בורסטאַל, אין גייעג נאָך דערפאָלג, באַנוצט האָליוואודער מעטאָדן פון די דרייסיקער יאָרן. דער פילם איז אַ געמיש פון באַלאַגאַן (סלעפּסטיק) און סעקס. די עראָטישע סצענעס זענען נישט אַ רעזולטאַט פון אינערלעכע באַדערפענישן פונעם מענטש, נאָר פון די באַדערפענישן פון די געגעבענע „סלעפּסטיק"־סיטואַציעס. דער עולם פון די זיבעציקער יאָרן קען שוין פון דעם נישט לאַכן. אפשר איז נאָך דאָ אַ קליינער טייל פון אויסטראַלישן קינאָ־באַזוכער צו וועלכן די סיטואַציעס וועלן רעדן, אָבער פון אַ טאַלענטירטן דירעקטאָר ווי בורסטאַל האָט מען געקאָנט דערוואַרטן עפּעס מער.

ווי אַן אילוסטראַציע וויל איך איבערגעבן איין סענע פון דעם פילם:

אין שלאָף־צימער פון עליזאַ פראַזער געפינט זיך איר געליבטער. מיט אַ מאָל קלאַפּט אין טיר איר צווייטער געליבטער. זי באַהאַלט דעם ערשטן אונטערן בעט. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אַ פּאָר מינוט שפּעטער קלאַפּט אין טיר איר מאַן. זי פאַרשטעקט דעם צווייטן געליבטן ערגעץ אַנדערש וואו אין צימער. פאַר אונדז איז די סצענע נישט קאָמיש, נאָר ממש לעכערלעך.

אין די פופציקער יאָרן, ווען אין אויסטראַליע איז נאָך נישט געווען קיין פילם־אינדוסטרי, איז טים בורסטאַל געווען איינער פון די אָנפאַנגער צו מאַכן פילמען. ער האָט דעמאָלט קיין געלט נישט געהאַט. ער האָט דאַן פּרובירט עפּעס צו זאָגן מיט זיינע 16־מילימעטערדיקע פילמען, טייל מאָל מיט גרויס דערפאָלג.

לויטן בודזשעט האָט דער פילם „עליזאַ פראַזער" געדאַרפט קאָסטן אַרום אַ מיליאָן דאָלאַר. ביים ענדיקן דעם פילם האָבן די קאָסטן באַטראָפן אַנדערטהאַלבן מיליאָן. דאָס באַשטעטיקט נאָך אַ מאָל, אַז אַ טייערער פילם האָט נישט אַלע מאָל קיין שייכות מיטן ווערט פון פילם.

דעם פילם איז פרעמד דער גרויסער שוואונג וועלכן די אויסטראַלישע פילם־אינדוסטרי גייט איצט אַדורך. ווי אַנדערש איז דער פילם פון פרעמד שעפּיסיס: „דעווילס פּלעי־גראַנד" אָדער פעטער ווייס' „פּיקניק עט העַנגיק ראָק" און „קעדי". דער לעצטער פילם האָט באַקומען אַ פּריז אויפן סאַן־סעבאַסטיאַן פילם־פעסטיוואַל. די אַקטריסע העלען מאָרס האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג.

עס קען מעגלעך זיין, אַז די שולד פאַר דעם נישט געלונגענעם פילם „עליזאַ פראַזער" ליגט נישט אין גאַנצן אויפן רעזשיסער בורסטאַל. אַ חלק אין דעם האָט אויך דער סצענאַר־שרייבער וויליאַמסאָן, וועלכער האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַ געלונגענער פּיעסע וועגן דער דעגענעראַציע פון דער אויסטראַלישער אינטעליגענץ („דאָנס פאַרטי"). אים אָבער פעלט דערפאַרונג אין שאַפן אַ סצענאַר און אַרויסברענגען דעם צוזאַמענשטויס פון צוויי קעגנזעצלעכע קולטורן.

---

פילמום ....

* * *

די אויסטראַלישע פילם־אינדוסטרי — געמאָסטן מיט מאָדערנע טעכנישע טערמינען — איז אַ יונגע. די פילמען וועלכע האָבן אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט מיט זייערע קינסטלערישע דערגרייכונגען, קאָן מען אָנציילן אויף די פינגער. נישט געקוקט דערויף, האָבן די פילם־דירעקטאָרן אַ שווערע אויפגאַבע. כדי צו זיין טיפּיש־אויסטראַליש, נוצן זיי אויטענטישע טעמעס פון אויסטראַלישן לעבן, וואָס אויסטראַלישע שרייבער האָבן באַשריבן. און ווייל די אויסטראַלישע געשיכטע איז פאַרהעלטניסמעסיק אויך אַ יונגע, זענען זיי געצוואונגען זיך צו האַלטן ווי וויית מעגלעך ביי די פאַקטישע געשעענישן. אַזוי, למשל, שילדערט דער פילם „עס איז נאָך וויית ביז זונטיק" דאָס לעבן פון די שערער וועלכע שניידן די וואָל פון די שעפּסן און די שווערע אַרבעט־באַדינגונגען אין וועלכע עס קומט זיי אויס צו אַרבעטן, סיי קלימאַטיש, סיי עקאָנאָמיש, ווייל די אַרבעט ווערט דאָך אויסגעפירט אויף פאַרוואָרפענע פאַרמס. דאָס לעבן איז רוי, די אַרבעט — שווער. דאָ האָבן מיר אויך דעם באַרימטן שערער־

(סוף אויף זייט 22)

הירש אַשעראָוויטש (יפו, ישראל)

# צוויי לידער

מיט דער דערלויבעניש פון מחבר

## הנני

איך בין אַ ייד.
איך מיין נישט רימען זיך דערמיט,
לאַ־כל־שכן שעמען זיך דערמיט.
איך בין אַ ייד,
פון איין זייט מיינער: שעכטגיריקע שונאים,
און פון דער צווייטער: פון מיין פאָלק אַנטלאָפענע פחדנים.
נאָר איך בין אַ ייד! —
איך האָב די גרעסטע גאָב פאַרהיט:
מיין פון מייך אורזיידן געירשנט פנים.
און אויב איך בין אַ מענטש וואָס ליידט,
בין איך אַ מענטש פון אונדזער צייט,
בין איך אַ מענטש פון יעדער צייט.
דאָס דאַרף באַטייטן:
איך בין דער ייד פון אַלע צייטן!

## אַנוסים

מיר זענען אַנוסים.
עס ליגט אונדזער אמת פאַררוקט אין דער פעלשונג.
מיר זענען נישט ווערט אונדזער מענטשלעכן נאָמען,
מיר ווערן צעפוילט פונעם נבזהדיקן שווייגן,
פון קוקן מיט אויגן, פול פחד און שקר.
מיר זענען מאַראַנען!

מיר זענען אַנוסים —
מיר עכט זענען נאָר הינטער ריגלען און שלעסער,
אין גאַס גייען אום מיר פאַרהילטע אין צביעות,
מיר טראָגן אַ פנים — אַ קאַלכנע מאַסקע,
וואָס גיט נישט אַרויס די נשמה־קאָנוואולסיעס.
מיר זענען מאַראַנען!

מיר זענען אַנוסים —
פאַרטריקנטע צוויגן וואָס קענען בלויז דאַרן.
מיר רעדן זיך איין אַז מיר דאַרפן דאָס לעבן
אויף איבערצוקומען די צייט פון ירידה,
און וואַקסן דערווייל מיט איר צוזאַמען...
מיר זענען מאַראַנען!

מיר זענען אַנוסים —
פריטשמיעלעטע ווערעם, געשטראָפטע מיט שכל —
מיר זענען נישט מ י ר אויך אין אונדזערע טרוימען,
מיר צאַפּלען פאַר מורא אפילו אין חלום.
מיר האַסן דעם שקר, דאָך שיצן מיט אים זיך.
מיר זענען מאַראַנען!

מיר זענען אַנוסים —
אַזעלכע וואָס מערקן שוין נישט זייער שפלות,
אַזעלכע וואָס כשרן פאַלשקייט און בגידה.
מיר שטיקן, דערשטיקן אין זיך אונדזער גלויבן,
באַהאַלטן אויס גאָט, ווי ער וואָלט זיין אַ ממזר...
מיר זענען מאַראַנען!

מיר זענען אַנוסים —
געיאָגטע, פאַרגוואַלדיקטע ,מענטשלעכע שאָטנס.
מיר נאַרן רק אויס נישט־פאַרדינטע מחילה,
נאָר ס'קען נישט און ס'וועט נישט געשאָנקען אונדז ווערן
די זינד פונעם טראַכטן: מען וועט אונדז פאַרגעבן.
מיר זענען מאַראַנען!

מיר זענען אַנוסים —
מאַרטירערס וואָס זענען אין תוך גאָר פאַררעטערס,
אַ כלומרשט געשמדט זיין איז אויך אַ געשמדט זיין.
פאַריאָגט אונדזער איך אין דער טיף פון נשמה,
איז אונדזער נשמה זיין קבר געוואָרן.
מיר זענען מאַראַנען!

מיר זענען אַנוסים
מיט מענטשלעכן אויסזען, אָן מענטשלעכן אָנזען.
מיר לעבן אַ לעבן אַ פרעמדס און פאַרביטנס.
ס'איז שווער דאָס באַזיגט זיין פון עמעצנס שטאַרקייט,
נאָך שווערער ס'באַזיגט זיין פון אייגענער שוואַכקייט!
מיר זענען מאַראַנען,
פאַראַכטע מאַראַנען!

פון רעדאַקציע: דער דיכטער אַשעראָוויטש האָט יאָרן לאַנג געלעבט אין רוסלאַנד און דאָס ליד איז געשריבן אין צייטן פון רדיפות און יאוש.
מיר באַגריסן אים ווי אַ מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל.

דעם באַשעפטיקט. גיין איבער די הייזער, אַנדערע אין די פאַבריקן און געוועלבער. דאָ איז די אַרבעט געווען אָן אַ פאַרגלייך פיל שווערער ווי ביי די „הויז-פּאַרטיעס". אויב דאָרטן זענען מיר געווען די „געבערס", זענען מיר אין איצטיקן פאַל געוואָרן די „נעמערס". מ'האָט קיין מאָל נישט באַהאַלטן פאַר וועלכן צוועק דער באַזאַר גייט. און מען דאַרף מודה זיין, אַז מ'האָט אונדז אומעטום גוט אויפגענומען. זעלטן איז געווען אַ פאַל אַז מ'זאָל איינעם פון אונדזערע זאַמלערס אָפּזאָגן. וואָס, פאַר די יידישע שולן אין פוילן? אוודאי, נאַט אייך מיין פעקל... ס'האָט געטראָפן אַ פאַל אַז מ'האָט אויסגעמיטן אַ שטוב, ווייל דאָרטן האָט געוואוינט אַן אָרעמע יידישע פרוי, איז זי געקומען צו אונדז מיט אַ טענה: „וואָס, עס פּאַסט אייך נישט צו מיר אַריינצוקומען? מיינע פּאָר שילינג פאַר די יידישע שולן אין פוילן האָבן נאָך אַזאַ ווערט ווי דעם גבירס גרויס פעקל"...

דער באַזאַר גופא, אין אַ גרויסן זאַל, איז געווען אַ גאַנצער יריד מיט אַן אויסוואַל פון פאַרשידענע סחורות און הונדערטער קונים. געדויערט האָט ער פון צוויי בייטאָג ביז 12 אין דער נאַכט. אין אָוונט איז אויך געווען אַ פּראָגראַם — אַ רעדע וועגן די יידישע שולן, אַן איינאַקטער א.אַ. דער רעזולטאַט — אַ הונדערט פופציק פונט פאַר די יידישע שולן אין פוילן.

נאָכן באַזאַר, שפּעט אין דער נאַכט, מיד פון גאַנצן טאָג באַזאַר-אַרבעט, פאַלנדיק פון די פיס, פלעגן מיר אַריינגיין צו אַ חבר אויף אַ גלעזל טיי. דאָרטן רופט זיך אָפּ איינער פון אונדז: „דער היינטיקער טאָג האָט באַוויזן וואָס אַ קליינע גרופּע מענטשן, אָבער מיט גרויסן ווילן, קענען אויפטאָן".

אויסער „הויז-פּאַרטיעס" און באַזאַרן פלעגן מיר אויך איינאָרדענען טעאַטער-פאָרשטעלונגען. אַ מאָל אויך רעוויעס וואו מען פלעגט אויף אַ סאַרקאַסטישן אופן אַריינצימבלען אונדזער פּני. די טעאַטער-אונטערנעמונגען פלעגן פאָרקומען צוזאַמען מיט דעם „פּאַראיין יידישע בינע". אין דער צייט זענעןביידע אינסטיטוציעס, סיי דער „פּאַראיין יידישע בינע", סיי די געזעלשאַפט פריינד פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן אין פוילן זיך צונויפגעוואַקסן ווי אַ סיאַמער צווילינג. ס'איז שווער געווען צו אונטערשיידן וואו עס ענדיקט זיך די אַרבעט פון שול-קאָמיטעט און וואוי עס הויבט זיך אָן די „יידישע בינע". ביידע האָבן געמוזט אויסטראָגן אין דער צייט די אַטאַקעס פון אַנדערע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אויך פּרעטענדירט צו טאָן טעאַטער- און קולטור-אַרבעט און וואָס האָבן אונדז געהאַלטן פאַר זייערע „קאָנקורענטן".

(אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך אויספירלעך געשריבן וועגן דעם אַרטיסט יעקב גינטער, דעם גרינדער פון דער „יידישע בינע" און זיין ראָל אין קאַמף פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער אין מעלבורן. איך האָב דערווייל דאָס דאָזיקע קאַפּיטל נישט געדרוקט, עס וועט אַריינגיין אין בוך-פאָרם, אויב עס וועט מיר געלינגען עס אַרויסצוגעבן...).

זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן דער אַרטיסט נתן גינטער, וועלכער איז אין יאָר 1934 געקומען אַהער אַלס גאַסט צו זיין משפחה. אַליין אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרטיסט, האָט ער די לעצטע צענדליק יאָרן געשפּילט יידיש טעאַטער אין די דרום-אַמעריקאַנער לענדער. מיט זיין באַזוך אין אויסטראַליע האָט ער פיל מיטגעהאָלפן אין אונדזערע טעאַטער-אונטערנעמונגען. און זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען האָנאָראַר ווען אַ פאָרשטעלונג איז געגאַנגען לטובת די יידישע שולן אין פוילן.

צו פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל וועלן מיר בלויז אין קורצן פאַרצייכענען נאָך איניקע טעטיקייטן פון דעם קאָמיטעט. דער קאָמיטעט „פריינד פון די יידישע שולן אין פוילן" האָט אויסגענוצט די אָנוועזנהייט פון דעם גרינדער פון דער יידישער צוגאָב-שול, דעם דיכטער מלך ראַוויטש, בעת זיין צווייטן באַזוך אין אויסטראַליע און דעם צווייטן פאַרוואַלטער פון דער שול, דעם פּעדאַגאָג, שול- און קולטור-טוער, יוסף גיליגיטש, און געשאַפן אַ פאָלקס-אוניווערסיטעט. יעדע וואָך, אַ מיטוואָך, איז זיך צונויפגעקומען אַ גרעסערער עולם און דורכגעמאַכט אַ סיסטעמאַטישן קורס פון דער יידישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער קורס איז אָנגעגאַנגען איבער פינף יאָר.

דער קאָמיטעט איז אויך געווען דער אינספּיראַטאָר פון אַראָפּברענגען דעם בינע-קינסטלער יעקב ווייסליץ און שפּעטער די קינסטלערין רחל האָלצער. צוליבן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה זענען זיי שוין ביידע געבליבן אין אויסטראַליע. זיי צוזאַמען מיטן פאַראיין יידישע בינע, וואָס האָט שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף דוד הערמאַן טעאַטער האָבן דורכגעפירט גרויסע טעאַטער-פאָרשטעלונגען מיט וועלכע דאָס יידישע מעלבורן איז געווען שטאָלץ. מער אויספירלעכער וועגן דעם פעריאָד אין אַן אַנדער קאַפּיטל.

לאָמיר אויך פאַרצייכענען די נעמען פון דעם שול-קאָמיטעט, מענטשן וועלכע האָבן נישט געזוכט קיין כיבודים מיט טיטולן, נאָר מיט איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט געטאָן די דאָזיקע הייליקע אַרבעט (לויטן א"ב — שלום אָשלאַק, פייגע און סענדער בורשטין, אסתר און לייזער בלושטיין, טויבעלע און יאַנקל גינטער, פייגעלע און חיים דוד גינטער, פנחס גאָלדהאַר, כאַצקל דייוויס, מאַניע און אברהם הילדעבראַנד, מ. האָלקנער, יוסף יאָפע, יהודית און מאיר סילמאַן, בערל ראָזענבערג, פייוול יעדוואַב, א. שאַרף, חוה פּראָכאָווניק, ל. זשאבינסקי. מעגלעך אַז כ'האָב איניקע נעמען דורכגעלאָזן. ס'איז אַ געשיכטע פון אַ פיר צענדליק יאָר צוריק. איך ציטיר די נעמען פון זכרון. די פּראָטאָקאָלן זענען פאַרלוירן געגאַנגען. זאָלן זיי מיר מוחל זיין.

---

סענדער בורשטין

# די פריינד פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן אין מעלבורן

(זכרונות פון אַ מאָל)

נאָך ראַוויטשעס אַוועקפאָרן פון אויסטראַליע האָבן זיך די יידישיסטן און די פריינד פון יידישן שול־וועזן רעאָרגאַניזירט אין אַ געזעלשאַפט „פריינד פון דעם יידיש־וועלטלעכן שולן־וועזן אין פוילן".

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיט וועלכער מיר קאָנען שטאָלץ זיין. אַן אינסטיטוציע אָן אַ ספּעציעלן אַדרעס, אָבער יעדער האָט געוואוסט וואו זי געפינט זיך; אַ געזעלשאַפט אָן אַ ספּעציעל געשריבענער קאָנסטיטוציע און אַלע האָבן געקאָנט אירע צילן. כאָטש מיר האָבן זיך כסדר פאַרנומען מיט זאַמלען מאַטעריעלע הילף פאַרן יידישן שול־וועזן אין פוילן, איז נישט געווען קיין איין געזעלשאַפטלעכע אַקציע אַז מיר זאָלן זיך אין איר נישט באַטייליקן, ווי למשל: באָיקאָט אויף היטלער־דייטשלאַנד. הילף דעם קעמפנדיקן שפּאַניע א.ד.ג. די דאָזיקע אַרבעטן האָבן געוואונען רעספּעקט און אַכטונג פון פשוטע יידן צו אונדז. אַ דאַנק דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מיר אויסגעברייטערט אונדזער געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט און אויסגעאיבט אַ גייסטיקן איינפלוס אויפן אַרום.

ביי דער געלעגנהייט איז נויטיק צו דערציילן ווי אַזוי די אַלע אונטערנעמונגען זענען געוואָרן אָרגאַניזירט.

עס זענען געווען פאַרשידענע אונטערנעמונגען: „הויז־פאַרטיעס", באַזאַרן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אַז דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַדורכצופירן אַ „הויז־פאַרטיע", האָבן די מיטגלידער, אַלע אַרבעט־מענטשן, נאָך אַ וואָך שווערער אַרבעט זיך אַ לאָז געטאָן, ווער אין די אָוונטן, ווער אין די „וויק־ענדס", איבער די הייזער „האָקן" (פאַרקויפן) מיט בילעטן. צום אָוונט גופא האָבן זיי געמוזט, אויסער אויסקויפן פאַר זיך איינטריט־קאַרטן, אויך צוגרייטן דעם „סאַפּער". אַן איינטריט־קאַרטע האָט געקאָסט איין שילינג, בעת דער „סאַפּער" אַליין איז ווערט געווען דריי מאָל אַזוי פיל. האָבן מיר שטענדיק געהאַט אַן עולם פון אַכציק ביז הונדערט מענטשן. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די „פאַרטיעס" זענען פאָרגעקומען אין פּריוואַטע וואוינונגען. אויסער גשמיות איז אויך געווען אַ צוגעגרייטער פּראָגראַם: אַ רעדע וועגן דער באַדייטונג פון דער יידישער שול; אַ רעציטאַציע, אַ ליד. שפּעטער האָט דער גאַנצער עולם מיטגעזונגען פאָלקס־לידער. אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט לייב זשאַבינסקי. באַהאַוונט אין יידישער ווי אין אַלגעמיינער מוזיק, באַשאָנקען מיט אַ גוטער טענאָר־שטימע, האָט ער באַשיינט די אָוונטן סיי מיט זיין זינגען, סיי מיט זיין פאָרלייענען הומאָרפולע פעליעטאָנען פון דער יידישער ליטעראַטור. אַז דער עולם איז שוין געווען גוט דערוואַרעמט האָט מען אויסגעפלעט אַ זאַץ ביכער, אַ צווייט מאָל אַן אַנדערע ווערטפולע זאַך. אַלץ צוזאַמען האָט עס אַריינגעבראַכט צענדליקער פונטן און דאָס איז גלייך אַוועקגעשיקט געוואָרן פאַר די יידישע שולן אין פוילן. דער עולם פלעגט זיך פאַנאַנדערגיין אין אַ גוטער און געהויבענער שטימונג און גלייך זיך געפרעגט: ווען וועט פאָרקומען די נאָענטסטע „פאַרטיע"? און אָפט אויך אָנגעבאָטן זייערע אייגענע הייזער איינצואָרדענען אַן ענלעכע אונטערנעמונג. עס איז געווען אַ פאַל, ווען אַ רייכער יוועליר האָט צופעליק ביי־געוואוינט אַזאַ „פאַרטיע". פאַרן אַוועקגיין ווענדעט ער זיך אונדז: אויב איר, אַ קליינע גרופּע מענטשן, זייט פעאיק אַדורכצופירן אַזעלכע אָוונטן, וואָס אויסער אַ גוטן „סאַפּער" קען מען אויך גוט פאַרברענגען, און דאָס אַלץ פאַר איין שילינג, שענק איך אייך צו דער נאָענטסטער „פאַרטיע" אַ גרויסן זייגער אויסצופלעטן.

די „פאַרטיעס" האָבן אויך געברענגט, אויסער מאַטעריעלע הילף פאַרן יידישן שול־וועזן אין פוילן, דערציערישע רעזולטאַטן. אויב מ'האָט געקאָנט אַ גרויסן טייל פון די באַזוכער אָפּרייסן פון קאָרטן־שפּילן און זיי באַוועגן בייצוואוינען אַן אָוונט מיט אַ יידיש־וועלטלעכן קולטור־כאַראַקטער, האָט עס בלי ספק געברענגט אויך גייסטיקע רעזולטאַטן.

אַ באַזאַר איז געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג צו וועלכער מען האָט זיך געמוזט גרייטן מאָנאַטן. דאָס זאַמלען פעקלעך האָט גענומען צייט. אַלע אונדזערע מיטגלידער, די מענער ווי זייערע פרויען, האָבן זיך מיט

---

פילט מען דעם צוזאַמעשטויס פון דעם יידישן ייד מיט דער היינט־צייטיקער אַלטוועלטלעכער קולטור.

סאָל בילאָו האָט אַריינגענומען כמעט אין אַלע זיינע ווערק דעם יידישן מיליע פון אונדזערע אַמאָליקע יידישע היימען און פון די גרויסע יידישע שרייבער. ער ווערט טאַקע אָנגערופן דער „גאָד־פאַטהער" פון די יידישע שרייבער אין אַמעריקע וואָס שרייבן אין ענגליש, וואָס האָט זיי אינספּירירט אַז אין זייערע ווערק זאָלן זיי שעפּן פון דעם גרויסן יידישן קוואַל פון דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער קולטור. אין אַלע ווערק פון סאָל בילאָו פילט מען אויף טריט און שריט דעם יידישן ריטם, די מיסטעריע פון יידישן גורל.

י. אָרבאַך

אַ באַדויערן וואָס ווייסענבערג ווערט פאַרגעסן אין דער צייט ווען העברי לאָוסאָן ווערט דערמאָנט מיט פּיעטעט. ווייזט אויס, אַז אין אַ בשותפותדיקייט פון גורל איז אויך פאַראַן אַן אונטערשיד.

אין די „שמועסן" איז אויך פאַראַן דער „יידישער" מאָמענט — יודאַ וואָטענס דערציילונגען (צווישן אַנדערע) וועגן דער פריער יידישער אימיגראַציע פון מעבר הים. אין די דערציילונגען געפינט י. קאַהאַן דעם פּרוּוו פון קענען אַריינפּאַסן זיך צום פרעמדן אַרום, דאָס זוכן פון פּרנסה־קוואַלן און דער העראָאישער פּרוּוו צו קאָנטינוּאירן אויף דעם נייעם באדן די אידילישע וואַרעמקייט און ענגער צוגעבונדנקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט די יידישע משפּחה. פאַראַן אויך די ווידעראַנאַנדן צווישן קינדער און עלטערן, אַ פּראָבלעם וואָס עקזיסטירט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט ביז היינטיקן טאָג.

דער פּען־פּאָרטרעט פון יודאַ וואָטען, אויפן פאָן פון זיינע „יידישע" ווערק, איז דערגאַנצט מיט אַן אונטערשטרייכונג פון זיין אַסימילאַטאָרישן אני־מאמין, אויסגעדריקט אין זיין באַציאונג צו געמישטע חתונות.

צום סוף דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין די „שמועסן", וואָס פאַרנעמען 325 זייטן, געפינט אויך איר אָרט די אמתע אויסטראַליע — די אויטאָכטאָנען, זייער אַלטע (ווער ווייסט ווי אַלט?) קולטור, וואָס אין אירע יסודות־דיקע אויסשטראַלונגען איז נישט הינטערשטעליק פון דער אייראָפּעאישער.

אין דער אָפּהאַנדלונג פון עלאַנאָר דאַרקס ווערק שיינען אַרויס שטייגער, מיטאָס, ריטואַל פון די אַבאָרידזשינעס וואָס איז פאַר דעם ווייסן מענטש געווען און געבליבן עקזאָטיש און פּרימיטיוו.

אין קסאַווייער הערבערטס „קאַפּריקאָרניאַ" קומען בולט צום אויסדרוק די דראַמעס צוליב געמישטע חתונות צווישן שוואַרץ־ווייס און דער ביטערער גורל פון די מישלינגס.

י. קאַהאַן לייגט אַרויף זיין שרייבערישן ווייזפינגער אויף אַזעלכע אויסצוגן אין וועלכע קסאַווייער הערבערט וואַרפט דעם ווייסן מענטש אין פּנים אַריין זיין „זשאַקיז!" זייך באַשולדיקונג קלינגט מעכטיקער ווי זאָלאַס היסטאָרישער „איך באַשולדיק!". אין דער דרייפוס־פּראָצעס איז געשטאַנען אין קאָן דער כבוד און דאָס לעבן פון אַ פאַלש באַשולדיקטן יחיד — אין ברייטערן זין — אַ הויכער מאָראַלישער פּרינציפּ. אין דער באַשולדיקונג קעגן ווייסן מענטש (נישט נאָר אויף דעם אויסטראַלישן קאָנטינענט) ווערט דער דאָזיקער מאָראַלישער פּרינציפּ פאַרפילפאַכט און מעכטיקער, ווייל עס גייט אין אַ רבים, אין אַ פאָלק וואָס שטאַרבט אויס וואַרטנדיק אין גייסטיקער אַגאָניע אויף אַ רעהאַביליטאַציע פאַר נישט באַגאַנגענע זינד.

דאָס בוך „שמועסן מיט אויסטראַלישע שרייבערס" נעמט אַרום פאַרגאַנגענע תקופות, אויך די היינט־צייטיקע — מענטש, נאַטור און פּראָבלעמען געזעענע מיט די אויגן פון באַוואוסטע אויסטראַלישע שרייבערס.

י. קאַהאַנס פאַרדינסט איז בלי ספק, אַ חוץ פיינקייט פון סטיל און ערודיציע ביים באַהאַנדלען די פילצאָליקע אויסטראַלישע מחברים, אויך דאָס אַז דאָס בוך וועט געבן דעם יידישן לייענער אַן אַריינבליק אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור.

אויב און ווען די „שמועסן" וועלן איבערגעזעצט ווערן אין דער ענגלישער שפּראַך, וועט עס געבן דעם אויסטראַלישן לייענער אַ מעגלעכקייט צו געפינען דעם אָפּשפּיגל פון זיין ליטעראַטור, געצייכנט מיט דער באַהאַוונטער פּען פון אַ גוט געלייענטן יידישן שרייבער, אַן אימיגראַנט פון אייראָפּע.

---

## דער יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער סאָל בעלאָו באַקומען דעם נאָבעל פּרייז פאַר ליטעראַטור

צווישן די זיבן אַמעריקאַנער נאָבעל־פּרייז געווינער אין יאָר 1976 זענען געווען פיר יידן. איינער פון זיי איז ווערט ספּעציעל אויסצוטיילן און דאָס איז סאָל בילאָו, וועלכער האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור מיט דעם אייגנאַרטיקן קאָמענטאַר פון דער שוועדישער נאָבעל־פּרייז־קאָמיסיע — „פאַר מענטשלעכער פאַרשטענדעניש און פאַר דעם פיינעם אַנאַליז פון דער היינטצייטיקער קולטור".

ווער איז דער דאָזיקער שרייבער־ייד אין אַמעריקע?

סאָל בילאָו איז געבוירן געוואָרן אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, ביי יידישע עלטערן־עמיגראַנטן פון רוסלאַנד אין יאָר 1915. ווען ער איז אַלט געווען 9 יאָר האָבן זיינע עלטערן ווידער עמיגרירט פון קאַנאַדע קיין צפון־אַמעריקע און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ און דאָרטן אין אַ יידישער סביבה האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג און צוזאַמען מיט דער ענגלישער שפּראַך איז יידיש געווען זיין צווייטע טאָג־טעגלעכע שפּראַך.

פון אַלע זיינע גרויסע און קלענערע ווערק ווי: „דער מענטש וואָס וואַקלט זיך", „דער קרבן", „די אַוואַנטורע פון אַגיאַ מאַרטש", „הענדערסאָן דער קעניג פון רעגן", „די מתנה פון האָמבאַלדט", וועלכע זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן, איז ווערט אויסצוטיילן די צוויי גרויסע ווערק: „הערצאָג" און „די פּלאַנעטע פון מיסטער סאמלי". אין „הערצאָג", אַ ראָמאַן פון יידיש־דייטשע עמיגראַנטן אין אַמעריקע, גיט דער מחבר איבער אין אַ מייסטערהאַפטער פאָרם ווי אַזוי די דאָזיקע עמיגראַנטן פּאַסן צו זייערע יידישע הומאַניסטישע ווערטן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון זייערע אַלטע יידישע היימען צו דעם געלט און גאָלד יאָגעניש אין דעם דעמאָלטיקן ראַשיקן אויפשטייג פון דעם „האַרי אַפּ" לאַנד. אויך אין דעם צווייטן ראָמאַן „די פּלאַנעטע פון מיסטער סאַמלי",

עס קומט דער וואוקס פון די שטעט, דער אויפבלי פון דער אינדוסטרי, מיט אַלע אומפאַרמײדלעכע באַגלייט דערשיינונגען. דער נייער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער קלימאַט ברענגט אַרויס די פרוסטראַציעס פון דעם יחיד, וואָס איז געצוואונגען צו לעבן אין אַ „שטיינערנעם דזשונגל. זיין פאַרלוירנקייט אינעם רעש פון שטאָטישן ווירוואַר, ווי אויך אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון דער „סאַבערביע", ווערט די טרייב־קראַפט אָפּצוגעפינען דעם „איך" וועלכער ווערט פאַרלוירן אין דער אינדיפערענץ פון דער מאַסע. נעמט זיך בולטן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, צוזאַמען מיטן דעסקריפּטיוו פון לאַנד, מנהג און לעבנס־שטייגער, אויך טענדענצן פון אַ טיפערן אַריינ־דרינג אין אינערלעכן טראַגישן געראַנגל פאַר אידענטי־טעט פון יחיד. די טענדענצן גייען אָן ביזן היינטיקן טאָג.

דער דאָזיקער היסטאָרישער פּראָצעס, אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור, איז פון י. קאַהאַן געוואָרן באַלערנ־דיק באַלויכטן אין אַן אַלגעמיין און אויך פראַגמענטאַריש, אָפּגעבנדיק אַ סך אָרט פאַרן דעטאַל.

אין אַ פּיין קאָמפּאָנירטן עסיי „וועגן דיכטערס און דיכטונג צייכנט י. קאַהאַן מיט אַ דינער פען די שעפע־רישקייט און די גייסטיקע פראָפילן פון דיכטערס, וואָס האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען די מזרח־וואַנט פון דער אויסטראַלישער פּאָעזיע. ער מאָלט זייער אינדיווידואַלי־טעט, די מעלות און חסרונות, זייער סביבה און אויסווירק — און עס הויבן זיך אָן אויפצומישן בלעטלעך פון אַ גרויסן קולטור־באַטייט.

פון צווישן אַ סך נעמען טיילט ער אויס די דיכ־טערין דזשודיט ווהייט. זי ווערט ברייטער ציטירט כאָטש זי איז נישט די איינציקע פרוי־דיכטערין אין דער רשי־מה. מיט איר פרויען־חוש, דיכטערישע אינטואיציע און לירישער שפּאַנונג שעפּט זי פון אומשטערבלעכן אוצר פון אייביקע, ווי דאָס לעבן גופא, עמאָציעס — ליבע, ליידנשאַפט א.אַז.וו. די סובטעלע נשמה־וויבראַציעס, גע־פּאָרט מיט גייסטיקע רייזעס צו מעטאַפיזישער „אומבאַ־קאַנטקייט", אַבסאָרבירט דעם דענקנדיקן מענטש היינט און וועט אַבסאָרבירן דאָס געמיט פון דעם מענטש פון מאָרגן. אַזאַ דיכטונג, זאָגט קאַהאַן, איז אַ סימן פון דוי־ערהאַפטיקייט, ווייל דער מענטש וועט שטענדיק פּרווון אויפקניפּן אַ סך אומפאַרשטענדלעכקייטן וואָס מאַטערן אים.

אין זעלביקן עסיי באַהאַנדלט דער מחבר נאָך אַנ־דערע דיכטערס, מענער און פרויען. ער ברענגט אַרויס די פּלאַסטישקייט פון זייערע פערזן־וויזיעס, די קראַפט פון זייערע פּאָעטנצן, דעם ריטעם, די פאַרבן און ליניעס פון געמעל און פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס.

ער קומט צום אויספיר, אַז די אויסטראַלישע ליטע־ראַטור — פּראָזע און דיכטונג — שטעלט זיך אַנטקעגן קאָנסערוואַטיזם און קאָנפאָרמיזם, ווייל זיי האַלטן אָפּ די אַנטוויקלונג פון איר סאָציאַלן, פּאָליטישן און גייסטיקן פּרצוף, אויך איר עסטעטישן כאַראַקטער (אַ פרייער ציטאַט — י.מ.ל.).

צוליב דעם איז ביי טייל פּאָעטן פאַראַן אַן אומווילן צו עקספּערימענטירן — דאָך שטייט די פּאָעזיע אויף זייער אַ הויכן ניוואָ און מען קען מער נישט באַטראַכטן איר, ווי מען האָט זי באַטראַכט ביזן יאָר 1939, אַלס אַ פּראָווינציעלע און רעגיאָנאַלע. זי פאַרמאָגט, אמת, איר אייגענעם קאָלאָריט, אָבער גלייכצייטיק זיצן אין איר הומאַנע עלעמענטן און ווערט דעריבער אוניווערסאַל.

מיט דעם קאָמפּעטענטן וויסן פון אַ פאָרשער, וואָס איז באַוואָפנט מיט זעלבסט־דיסציפּלין, יכולתן און אויסדויער, ברענגט י. קאַהאַן אַ רייכע נעמען־גאַלעריע. עס באַווייזן זיך נעמען וועלכע זענען כמעט אומבאַקאַנט דעם יידישן לייענער. פּעטריק ווהייט, דער נאָבל־פּרייז געווינער, נאָרמאַן לינדזעי (געשטאָרבן נישט לאַנג צוריק), מאָריס וועסט, עלען מאַרשאַל, יודאַ וואָטען און קסאַוועריי הערבערט פון דער שפּעטערדיקער פּלעיאַדע, זענען באַקאַנט מיט זייער אויסווירק, אַז די אויסטראַלישע ליטעראַטור האָט זיך דעראָבערט אַ בכבודיק אָרט אין די אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטורן.

* * *

עס איז שווערער צו שרייבן וועגן אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם ווי די „שמועסן", וואו עס ווערן באַהאַנדלט אַ גרעסערע צאָל שרייבערס, פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן, זשאַנערן און קאָנצעפּציעס, ווי וועגן אַ ווערק פון איין שרייבער, פון וואָסער פאַרנעם עס זאָל נאָר זיין.

ווייל איך אויסקלייבן דאָס, וואָס עס קאָן אַממערסטן אינטערעסירן: פאַרגלייכן. פאַראַן אין בוך עטלעכע. דער ערשטער איז צווישן די פאַרשיקטע און זייערע נאָסטאַל־גיעס נאָך דער „שטיפמאַמען", וואָס איר בייזער אימאַזש ווערט אין לויף פון צייט אויסגעלייטערט — מיט דער נייער יידישער (צי נישט־יידישער — י.מ.ל.) אימיגראַ־ציע. נישט אויפגעצוואונגענער מיט גוואַלט, נאָר דורך אומשטענדן.

דער צווייטער פאַרגלייך איז פון אַן אַנדערן תוך. י. קאַהאַן רעדט וועגן אַ פּראָמינענטן אויסטראַלישן דיכטער וואָס דאַרף זיין גוט באַקאַנט דעם ברייטערן עולם — זיין בילד שיינט אַראָפּ פון די צען דאָלאַר באַנקנאָטן — הענרי לאָוסאָן און אונדזער י. מ. ווייסענבערג.

אין די צוויי בליץ־פּאָרטרעטן געפינען זיך דעם מחברס רעפלעקסיווע מחשבות וועגןביידנס ענלעכן גורל. ביידע זענען פון דער שרייבערישער מלאכה קיין גבירים נישט געוואָרן. ער טראָגט אָבער צו דעם געהעריקן כבוד פאַר ליטעראַרישע פאַרדינסטן פאַר די ליטעראַ־טורן פון ביידע פעלקער. עס בינדט זיי נאָך איין געמיינ־זאַמער שטריך — ביידע שרייבערס, י. מ. ווייסענבערג און הענרי לאָוסאָן, האָבן אויסגעקליבן דעם פאָלקס־טיפּ, דעם געפּלאָגטן עמך פאַר דעם מאַטעריאַל פון וועלכן זיי האָבן געבויט זייערע שאַפונגען. ער פאַדענדיקט מיט

י. מ. לעווין

# יצחק קאַהאַן — „שמועסן" מיט אויסטראַלישע שרייבער

(ליטעראַטור-קריטיק, עסייען, פען-פּאָרטרעטן

אין פּסיחה פון בוך — „במקום אַן הקדמה" — באַקאַנט אונדז י. קאַהאַן מיט אַ ריי אויסטראַלישע שרייבערס פון די פריע קאָלאָניאַלע צייטן. דורך זייער מויל ווערן אויפגעלעבט די גרויל-בילדער פון יענע טונקעלע צייטן, וואָס רופן זיך איבער מיט אַנדערע גרוילן אין מוטערלאַנד ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

די אויסגעשפּיגענע פון דעם „נאָבעלן" ענגלאַנד, די פאַרשיקטע צוליב דעם פאַרברעכן פון גנבענען אַ שטיקל ברויט א.ד.גל. זענען באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס פסולת פון דער געזעלשאַפט. אין הערשנדיקן „פּוריטאַניזם", אַדורכגעפּרעסענעם מיט פאַלשקייט און פּרודעריע, האָט מען באַטראַכט די פאַרמשפּטע ווי דעם פלעק אין דער משפּחה, ווי אַ צעשטערערישן עלעמענט פון וועלכן מען דאַרף פּטור ווערן.

דער ניי-אַנטדעקטער קאָנטינענט איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן דער אָפּפאַל-קויבער אין וועלכן מען וואַרפט אַריין דאָס פוילנדיקע מיסט. דאָס מוטערלאַנד, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיפמאַמע האָט נישט געקענט פאָראויסזען, ווי דאָס לעבן האָט שפּעטער געוויזן, אַז דאָס „מיסט", דער פלעבס איז געוואָרן דאָס ליים פון וועלכן דער קולטור-געשיכטלעכער פּראָצעס האָט אויף דעם נייעם, יונגן אומבאַקאַנטן באָדן אויסגעקנאָטן און געפורעמט דעם נייעם טיפּ — דעם אויסטראַליער. דאָס איז שוין געשיכטע.

אין דעם קורצן „שמועס", אין דער פאָרם פון אַן אימאַזשינירטער „פּאַרטי", באַטייליקן זיך לאַנג געשטאָרבענע שרייבערס, וואָס האָבן אויף זייערע רוקנס געטראָגן צייכנס פון יענע גרוילן. זיי דערמאָנען מיט שוידער דעם מוראדיקן אימפּאַקט פון דער בראשית־דיקער, ווילדער נאַטור, פון דער מאָראַלישער געזונקנקייט פון דער „אַדמיניסטראַציע", פון דעם קלימאַט פון הפקרות וואָס האָט געדריקט אויף די אומגליקלעכע, וואָס האָבנדיק אונטער די פיס אַ ברייט, גרויס לאַנד, האָבן זיך דאָך געפילט באָדנלאָז און פאַרלוירן.

דער מחבר פון די „שמועסן" האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין איבער די אויסטראַלישע ליטעראַטור-פעלדער פון פאַרשידענע תקופות (וואָס נעמען אַרום ביי 150 יאָר) מיט אַ „פילם-קאַמעראַ" און אַ „רענטגען". אויף דער פילם-לענטע „לויפט" דער אויסערלעכער לעבנס־גאַנג פון שרייבערס און דיכטערס, דער משפחה הינטער־גרונט, די תקופה אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און געווירקט. דער „רענטגען" ברענגט אַרויס דאָס אינערלעכע, דעם גייסטיקן פּייזאַזש, די מאָטיוואַציעס פון די העלדן, באַזירט אויף די עטיש-מאָראַלישע קאָנצעפּציעס פון זייערע „באַשאַפערס", די שרייבערס.

די ברייטע גאַמע פון פילפאַרביקייט, פילגעשטאַלטיקייט, טיפן און זשאַנער ווערן שפּעטער דורכפילטרירט דורך די אייגענע קריטיש-אַנאַליטישע באַטראַכטונגען פון מחבר.

דאָס לעבן איז אַ גרויזאַמער לערער — עס לערנט און... פליסט. נאָכן ערשטן מאַקאַברישן פּעריאָד טוישן זיך די פאַרהעלטענישן. דער זעלבסט-דערהאַלטונג אינ־סטינקט שטויסט דעם מענטש אויף נייע וועגן. אין דער נייער קאָנסטעלאַציע באַווייזן זיך „בוש-ראַנזשערס", גאָלד זוכערס און וואַנדערערס וואָס ווערן געטריבן פון אַן אי־נערלעכן כוח צו דערקענען זיך אַליין, די אייגענע כוחות אין אַ פאַרמעסט מיט דעם אַרום. עס קומט דער ראָמאַנ־טישער פּעריאָד מיט די פאָלקס-לידער און באַלאַדעס אויסגעזונגען דורך די וואַנדערערס. עס קומען אויך די וואָס זינגען אויס דעם עפּאָס פון געבורט פון דעם נייעם לעבן.

אין געשיכטלעכן נעפּל פאַרשווינדן די „בושראַנ־זשערס" און גאָלדזוכערס, נאָר זייער צייט עכאָט אָפּ אין די געשיכטע-ביכער און פון די בלעטער פון דער אויס־טראַלישער ליטעראַטור. דער מחבר פון די „שמועסן" פאָלגט זיי נאָך טראָט אין טראָט.

---

אַ דערנידעריקטער אמנה". דער שמועס צווישן מלך פון די כוזרים און דעם יידישן חכם וועגן די העכסטע ענינים פון רעליגיעס בכלל און פון דער יידישער בפרט, האָט אַפּנים איבערגעלאָזט אַ רושם נאָר אויף די שפּעטערדי־קע דורות, אָבער נישט אין דער צייט פון זיין דערשיי־נען. מען דאַרף וויסן, אַז דאָס ספרדישע יידנטום האָט אין יהודה הלויס תקופה דורכגעלעבט אַן אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס צוליבן אופן ווי די יידישע אמונה איז דע־מאָלט באַטראַכט געוואָרן פון דעם גאַנצן נישט-יידישן אַרום. האָט דאָך דער מלך פון די כוזרים לכתחילה גאָר נישט גערופן קיין שום יידישן געלערנטן אויסצופרעגן זיך וועגן דער יידישער אמונה. ווי האָט זיך דער מלך אויסגעדריקט: „דאָס וואָס מען זעט יידן אין זייער שפלות, אין זייער קליינער צאָל און דאָס וואָס וועט זיי ווערן דורך אַלעמען פאַראַכטעט" (פון דעם נעמט זיך דער אַראַבישער טיטול פון כוזרי...)

(סוף אין נאָענטסטן נומער)

ער זוכט אויך צו דערקלערן אויף אַ פּשוטן אופן די סיבה פאַר וואָס דאָס יידישע פאָלק קומט אויס צו ליידן מער פון אַנדערע. יהודה הלוי האָט מיט זיין געפיל און באַוואוסטזיין באַשטראַלט דעם קיום פון פאָלק — פון ייד־זיין — ווי מיט אַ גייסטיקן נערוו, וואָס פאַר־בינדט דורות יידן דורך אַ געהיימען יסוד, וואָס מען קאָן מיט לאָגיק און מיט די געוויינלעכע חושים נישט באַנע־מען, אָבער מיר שפּירן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ געהיימער בונד, וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו אָן עד סוף כל הדורות. נאָך אידער אַ ייד ווערט געבוירן אויף דער וועלט, האָט ער שוין געהאַט פאַרבינדונגען מיט פיל אַנ־דערע דורות און אַ סך ערטער פאַר אים.

דאָס ווערט אונטערגעשטראָכן פאַרן כוזרי דורכן חיבור דורך וועלכן דער מחבר ברענגט אַרויס זיין פאָלקס באַוואוסטזיין דורך אַ מין מעטאַפיזישער סובסטאַנץ, דער־קלערנדיק אַז אַלץ וואָס האָט געטראָפן מיטן יידישן פאָלק פון יציאת מצרים ביז אים, האָט ער עס אַליין דורכגע־מאַכט (דאָס ווינקט זיך איבער מיט דעם וואָס מיר הערן היינט זאָגן אַ וועלטלעכן ייד, אַז אַלע יידישע דורות זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני, און זיי זענען אויך געווען אין אוישוויץ מיט אַ דריי טויזנט יאָר שפּעטער.

יהודה הלוי האָט געזוכט צו געבן אַ יידישן באַוואוסט־זיין דער יידישער רעאַליטעט, און, ווי דערמאָנט, איז ער געווען דער ערשטער באַגרינדער פון דעם באַוואוסטזיין מיט אַ ניין הונדערט יאָר צוריק. ער האָט באַטאָנט, אַז יידן זענען נישט בלויז געבונדן דורך איין רעליגיע, נאָר אויך דורך איין נאַציאָנאַלער קולטור און דורך איין גע־שיכטלעכער דערפאַרונג. דאָס אַלץ צוזאַמען מאַכט זיי פאַר אַ באַזונדער פּסיכאָלאָגיש־אייגנאַרטיקן קאָלעקטיוו, וואָס האָט באַקומען אַ יידיש־מעטאַפיזישן זיין. דורך אָט דער פאָרמולירטער דערקענטעניש־פילאָזאָפיע אויפן יסוד פון אַ בשותפותדיקן געפיל (פּערצעפּציע); דורך אינטו־איציע, דורך וויזיע צוזאַמען מיט דער פּערצעפּציע, וואָס עס גיבן אונדז די חושים, זעען מיר דאָס פולע בילד, נישט די באַזונדערע אותיות, נאָר דאָס וואָרט; נישט דאָס האָלץ, נאָר דעם טיש.

אין אַן היינטיקער ענגלישער טערמינאָלאָגיע וואָלט מען עס באַצייכנט „קאָמאָן סענס", דורך וועלכן עס ווערן צענטראַליזירט אַלע אונדזערע עמפּינדונגען, פון וועלכע עס פורעמט זיך אויס אַ נייער אייגנאַרטיקער געפיל. די אוממיטלבאַרע דערקענטעניש מאַכט פון פילהייטן אַן איינהייט, מחמת דאָס וואָס עס גיט אונדז אינטואַציע (חוש הנסתר) קען נישט געטיילט ווערן.

מיט אָט דער אויפפאַסונג האָט יהודה הלוי באַוויזן צו זיין איינער פון די פאָרגייערס פון אונדזערע היינט־צייטיקע דענקערס, וואָס בויען אויף דעם יסוד פון אינ־טואיטיווער התגלות.

וואָס שייך דעם פרייען ווילן (בחירה חפשית) קען דער מענטש אויסקלייבן זיין האַנדלונג, וואָרום אויב דער מענטש זאָל עס נישט קענען טאָן, וואָלט דאָך נישט גע־וועזן קיין חילוק צווישן צדיק און רשע, ווייל ביידע וואָלטן דאָך געטאָן דאָס וואָס איז פאַר זיי פריער באַשטימט גע־וואָרן און דעריבער וואָלט מען נאָך מער געדאַרפט רחמ־נות האָבן אויפן רשע, ווי אויפן צדיק. מחמת ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פון באַשעפער צו זיין אַ רשע. אויך אָט די אויפפאַסונג פאַסט זיך גוט אַריין אין דער מאָדער־נער פילאָזאָפיע וועגן פרייען ווילן און דעטערמיניזם — דער מענטש איז פריי אין זיין אויסוואַל, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער שטרענג געבונדן צו די נויט־ווענדיקייטן (דעטערמיניזם). אמת, אַז מיר האָבן נישט די פעאיקייט דאָס לעצטע צו דערקענען, דעריבער זעען מיר בלויז די פרייהייט און נישט די נויטווענדיקייט. אויך שפּינאָזע האָט געזאָגט, ווען דער שטיין וואָס מיר וואַרפן וואָלט געקענט דענקען, וואָלטן מיר באַטראַכט זיין שפּרונג פאַר אַ פרייער האַנדלונג.

עס ליגט אין דעם מענטשנס נאַטור זיך צו באַ־טראַכטן פריי אין זיין האַנדלונג. אין דעם איז דאָ די אי־לוזיע פון פרייהייט. מיר זענען אי פריי, זאָגט יהודה הלוי, אי דעטערמינירט אין אונדזערע האַנדלונגען אין דעם גלויבט דאָך אַנרי בערגסאָן. דער אונטערשיד צווישן יהודה הלוי און די מאָדערנע דענקערס באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיינע פילאָזאָפישע באַגריפן נישט סיסטעמאַטיזירט בכדי עס ווי געהעריק צו באַגרינדן. פאַרשטייען מיר דאָך אונטער פילאָזאָפיע פאַרענדיקטע סיסטעמען. דאָס האָט יהודה הלוי נישט באַוויזן. זיינע פילאָזאָפישע באַגריפן זענען צעוואָרפן איבער ווערק און קומען אַרויס נאָר ווי זייטיקע באַמערקונגען.

דער כוזרי איז איינס פון די מערקווירדיקסטע ווערק פון דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט „די פאַרטיידיקונג פון דער יידישער אמונה דורך נישט־יידן". די מלוכה פון די כוזרים, אויפן שטח צווישן די טייכן וואָלגע און דאָן זאָל, לויט דער מסורה האָבן אָנגענומען די יידישע רעליגיע אין יאָר 740. בראש פון די כוזרים איז געווען דער קעניג בולאַן, וועלכער האָט גערופן די פאָרשטייער פון די דריי מאָנאָ־טעאיסטישע רעליגיעס צו הערן זייערע מיינונגען.

צו ערשט האָט ער גערופן אַ קריסט, אַ מאַכמעדאַ־נער און אויך אַ פילאָזאָף. זיי האָבן געפּרווט איבערצייגן דעם קעניג אין דער וויכטיקייט פון זייער גלויבן, אָבער עס איז זיי נישט געלונגען. דער קעניג האָט דאַן גערופן אַ יידישן תלמיד־חכם וואָס זאָל האָבן געהייסן יצחק אשנגארי און ער האָט אַרויסגעבראַכט די פּרינציפּן און דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער יידישער אמונה, און דעם קעניג זאָל האָבן געפאָלן געוואָרן די אַרגומענטן פון יידישן תלמיד־חכם, אָבער ווען ער פרעגט אים, אויב איר זייט אַזוי פול מיט בענקשאַפט פאַר ארץ ישראל, פאַר וואָס פאָרט איר נישט אַהין? „דו האָסט מיך געמאַכט זיך שעמען", ענטפערט אים דערויף זיין יידישער לערער.

יהודה הלוי האָט דעם כוזרי געשריבן אין אַראַביש אונטערן טיטול: „דאָס בוך פון באַווייזן צום שוץ פון

קריזן וואו דער פערזאָן איז יאָ געווען — טייל מאָל נישט — אַנוועזנד ביים לייענען, אָבער ער איז געווען באַקאַנט אין דעם קרייז.

איינער פון די וועמען יהודה הלוי האָט געווידמעט זיינס אַ גרעסער ליד און אויסגערעכנט אַלע זיינע גוטע מעלות, איז געווען דער דיכטער משה אבן עזרא וועלכן הלוי האָט דאַן געזוכט צו באַקענען. ווי דער מנהג איז געווען, איז ווי אַן ענטפער געקומען אַ באַגייסטערט ליד מצד משה אבן עזרא פאַר הלוין מיט אַ פאַרבעטונג צו קומען קיין גראַנאַדע. יהודה הלוי האָט עס אויסגענוצט און איז אין גראַנאַדע איינגעשטאַנען ביי דער אבן־עזרא־משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר ברידער: משה, יצחק, יהודה און יוסף. זיי זענען געווען זייער פאַרמעגלעך און געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט די אַראַבישע מושלים.

יהודה הלוי האָט פון משה אבן עזרא געלערנט בעסער צו באַהערשן די טעכניק פון ליד, וואָס איז טאַקע נאָך דעם באַזוך געוואָרן ביי אים קינסטלעריש מער רייפער. ער האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער די שכנותדיקע ישובים: קאָרדאָבע, סעוויליע און אַנדערע שטעט, וואו ער האָט זיך נענטער באַקענט מיט די אָרטיקע ליטעראַרישע קרייזן. ער האָט די נייע פריינד — אין פאָרם פון בריוו — געווידמעט לידער. פון דעם זענען אַנטשטאַנען זיינע ציקלען פריינטשאַפט־לידער (שירי ידידות), ליבע־לידער, וויין־לידער, בלומען־לידער.

אַזוי זענען דורכגעגאַנגען יהודה הלויס גליקלעכסטע יוגנט־יאָרן אין דער שיינער אַנדאַלוזיע. זיי האָבן זיך אָבער געענדיקט מיטן אָנקומען פון די אַלמאַווידן, פון וועלכע די יידן האָבן דאַן געהאַט אַ סך אויסצושטיין. און וועגן די שווערע נסיונות דערציילט אונדז משה אבן עזרא אין זיינס אַ ליד.

יהודה הלוי איז פון זיי אַנטלאָפן אין די קריסטלעכע געגנטן, דער עיקר אין טאָלעדאָ. אין יענער צייט זענען גראָד די קריסטלעכע קעניגן געווען די פּראָטעזשירערס פון די געפלאָגטע יידן. עס איז מעגלעך, אַז זיי האָבן דורך די יידן געזוכט בעסערע מעגלעכקייטן צו קענען באַהערשן די ניי־דערוואָרבענע געביטן. יידן האָבן זיך דעריבער באַזעצט אין קאַסטיליע וואו אַ באַדייטנדיקער טייל האָט פאַרנומען גאַנץ וויכטיקע אַמטן אין קעניגלעכן הויף.

בעת אַט די געשעענישן איז יהודה הלוי אַלט געווען 20 יאָר. אין דעם יונגן בחור האָבן זיי גורם געווען אַ גייסטיקן איבערברוך. ס'האָט זיך געענדערט לחלוטין זיין גייסטיקער האָריזאָנט און די טעמאַטיק זיינע איז פאַרטיפט געוואָרן. ער איז ערנסטער געוואָרן, מער רעליגיעז, און זיין ליד איז באַהויכט געוואָרן מיטן תנ"ך־נוסח. פון באַרוף זייענדיק אַ דאָקטאָר, קלאָגט ער זיך פאַר זיינע פריינד, וואָס ער מוז אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקן מיט מעדיצין וואָס באַשווערט אים דאָס לעבן.

צו יענער צייט איז אין די קריסטלעכע ראַיאָנען געוואָרן מער אומרואיק ווי אין די אַראַבישע, דעריבער קערט ער זיך צוריק אום קיין קאָרדאָבע, אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער, טרעפט זיך דאָרט מיט זיינע פריינד, פאַרברענגט מיט זיי, אָבער ער קען שוין מער נישט איינזיצן אויף אַן אָרט — אין וואַנדערט ווייטער אין די אַרומיקע געגנטן. אָבער ענדלעך האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין קאָרדאָבע — וואו ער האָט געהאַט פריינטאַשפטלעכע באַציאונגען מיט די געלערנטע יידן און דיכטער פון זיין דור.

הליי שרייבט דאַן אַ סך און זיין טעמאַטיק לאָזט זיך קוואַליפיצירן אויף מאָטיוון פון אמונה, פילאָזאָפיע, עטיק און משיחיזם. צוליב דעם טראַגישן יידישן גורל אין יענע יאָרן, זענען משיח־שטימונגען שטאַרק פאַרשפרייט. אַ געוויסער משה דראָי דערקלערט זיך אַלס משיח (1130) און צוזאַמען מיט אַנדערע יידן ווערט אויך יהודה הלוי פאַרכאַפּט פון די משיח־שטימונגען, און ער מאַכט דורך צוזאַמען מיט זיי די שפּעטערדיקע אַנטוישונג, ווען דער צוזאָג פון דעם משיח צו באַפרייען די יידן פון פרעמדן יאָך, ווייזט זיך אַרויס פאַר פאַלש.

פון הויכקייט אַז מען פאַלט איז דער קלאַפּ זייער שטאַרק. הלוי האָט דערזען ווי ס'האָט אַרומגעכאַפּט די יידן שפלות־שטימונגען און צעפאַלונג, דאָס פירט אים צו פאַרטיפן זיך איבער דעם מהות פון ייד־זיין, צו פאַרטיידיקן די יידישע אמונה פון אירע אויסלאַכערס און פאַרפאָלגערס און פון דער דאַן הערשנדיקער גאַווהדיקער פילאָזאָפיע. יהודה הלוי שרייבט אין זיין באַרימט ווערק דער כוזרי, אין וועלכן ער פאַרטיידיקט מיט דער שטאַרקסטער אַרגומענטאַציע דעם יידישן כבוד.

דורך אַט דעם ווערק האָט ער געזוכט צו וועקן דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און געפיל. אין יענער צייט פון יאוש און ירידה ביי יידן איז דאָס געווען ממש אַ לעבנס־נויטוועדיקייט פאַר זיינע יידישע מיטצייטלער וועלכע ער האָט געמונטערט און גערופן זיך נישט מייאש צו זיין. און פונקט ווי די יידישע דיכטער נאָכן חורבן בית שלישי האָבן אין זייער שאַפן אַרויסגעהויבן זייערע טענות צום רבש"ע פאַר וואָס ער האָט פאַרלאָזן זיין פאָלק בעת דעם היטלער־חורבן, זענען די זעלבע טענות אויך אַרויסגערוקט געוואָרן דורך יהודה הלוי צום באַשעפער. אָבער גלייכצייטיק ברענגט ער אויך טרייסט צי די יידן, אַז נישט אייביק וועט זיין אַזוי שלעכט און זיי וועלן נאָך זוכה זיין צו געניסן פון אַ סך פרייד און גליק.

מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז יהודה הלוי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, פאַרן יידישן קיום אין גלות געגעבן אַן אידעאָלאָגיש־טעאָרעטישע באַגרינדונג. ער דערקלערט עס אויף אַ פשוטן אופן: יעדעס פאָלק וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד איז אומגעקומען. אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק, מחמת זיין קיום שטיצט זיך נישט אויף מאַטעריעלע גיטער, נאָר אויף אַ גייסטיקן פרינציפּ. וואו די יידן זאָלן נישט לעבן, צו וועלכן דור זיי זאָלן נישט געהערן, זענען זיי פאַרבונדן מיט דער זעלבער היסטאָרישער דערפאַרונג.

פון אַ „שוידערלעכן חורבן" (אדרבה, ירמיה האָט זיי פאַרזיכערט אין נאָמען פון גאָט, אַז ס'וועט זיי גאָר נישט געשען, „זיי וועלן זיך אויפבויען און איינפלאַנצן"). וואו קומט דער תענית „צום גדליה"?

אַ תענית איז אַ רעליגיעזער ענין און איך בין נישט קוואַליפיצירט פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט צו פאַרענטפערן די עניגמאַטישע פראגע. אָבער פון ריינעם סעקולער־היסטאָרישן שטאַנדפונקט וויל איך פּרובירן אַן אויפקלערונג: היסטאָריש וויסן מיר פון זכריה (7:5), אַז אַזאַ תענית איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין בבל (אין זיבעטן חודש) און דאָס איז אַלץ. איך דערלויב מיר אָבער צו שפּעקולירן, אַז דער תענית „צום גדליה" האָט געהאַט אַ טאָפּלטן כאַראַקטער, אַ רעליגיעזן און אַ פּאָליטישן. דער רעליגיעזער כאַראַקטער: די יידן אין בבל האָבן געציטערט, אַז צוליב דעם מאָרד איבער גדליהון און דעם מאָרד איבער דעם באַבילאָנישן גאַרניזאָן וועט נבוכדנאצר אויסגיסן זיין צאָרן אויף זייערע קעפּ. האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַ תענית אַלס אַ רעליגיעזן אַקט, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין און זיי באַשיצן פון נבוכדנצארס צאָרן (דער תענית אסתר פאַרמאָגט אין זיך אַן ענלעכן עלעמענט). דער פּאָליטישער כאַראַקטער: אַ לאָיאַליטעט צייגעניש פון נבוכדנאצר, אַ טרויער־טאָג נאָכן מאָרד, נישט פון אַ גדליהו, נאָר פון נבוכדנאצרס גובערנאַטאָר.

ווי באַוואוסט, האָט נבוכדנאצר נישט געטשעפּעט די יידן צוליב דעם מאָרד, האָבן זיי געגלויבט, אַז דער תענית האָט געהאָלפן און אים געמאַכט פּערמאַנענט.

פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט איז דער טראַגישער אינצידענט געווען אַ פאַרלוסט אויף אַזוי פיל, אַז דאָס פאַרבליבענע קליינע הייפל פון אַנטרונענע יידן אויף די פעלדער פון יהודה איז געבליבן אָן אַ פירערשאַפט. דאָס האָט פאַרשטאַנען ירמיה, ווען ער האָט געפאָדערט פון יוחנן בן קרח און זיינע שרי החילים צו פאַרבלייבן אין יהודה און אין נאָמען פון גאָט האָט ער זיי געשאָלטן ווען זיי זענען אַוועק קיין מצרים.

* * *

דער טאָן פון דעם אַרטיקל קלינגט פּאָלעמיש, אָבער דער צוועק איז נישט סתם פּאָלעמיק. אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע איז געשילדערט געוואָרן מיט פיקציע, וואָס איז אין סתירה מיט די היסטאָרישע פאַקטן. מיט אַ גרויזאַמער שילדערונג פון פאַלשע און פיקטיווע „פאַקטן", האָט פריינד יצחק קאַהאַן פּרובירט צו לערנען אַ מוסר השכל קעגן „עקסטרעמיזם" היינט אין ישראל. זייענדיק מסכים, אַז עקסטרעמיזם פון יעדער באַפאַרבונג דאַרף באַקעמפט ווערן, שליסט דאָס אָבער נישט אויס חלוקי־דעות צי דאָס וואָס עס קומט פאָר היינט אין ישראל קלאַסיפיצירט זיך אַלס „עקסטרעמיזם". די חלוקי־דעות וואָלטן מיך אַריינגעפירט אַן אַן ענגער „פּאַרטיי־פּאָליטישער" פּאָלעמיק אין וועלכער איך בין מער נישט אינטערעסירט. איך גלויב אויך, אַז די שפּאַלטן פון די „מעלבורנער בלעטער" זענען נישט דער פּלאַץ פאַר פּאַרטיי־פּאָליטישער פּאָלעמיק.

צום סוף וויל איך פאַרנאָטירן אַ קוריאָז. איך האָב לעצטנס געלייענט אַ בוך פון אַ וועלט־באַרימטער פערזענלעכקייט. אַ פּראַכטפולער (פון עסטעטישן שטאַנדפונקט) באַנד פון יידישער געשיכטע. דער באַרימטער מחבר האָט געמאַכט נאָך אַ גרעסערע גאַפע ווי פריינד יצחק קאַהאַן. ער שרייבט, אַז אַ פאַנאַטישער פּאַטריאָט... יוחנן בן קרח.... האָט דערמאָרדעט גדליהון. זע זייט 65: Abba Eban, My People, The Story of the Jews,

יצחק קאַהאַן

# ר' יהודה הלוי — אין רעטראָספּעקט פון 900 יאָר

אין דער יידישער קולטור־וועלט האָט מען לעצטנס אָפּגעצייכנט דעם 900־יאָריקן געבוירן־טאָג פון דעם באַרימטן נאַציאָנאַלן דיכטער און דענקער יהודה הלוי. פאַרשטענדלעך, אַז קיין גענויע מעטריקע־דאַטע פון זיין געבורט איז נישטאָ, מען איז זיך משער, אַז דאָס איז געווען צווישן 1070 און 1075. נישט נאָר די דאַטע פון זיין געבורט שטייט אונטער אַ פראַגע־צייכן, אויך וועגן דער שטאָט זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. עס איז געווען אָנגענומען טאָלעדאָ, האָבן אַנדערע גאָר אָנגעוויזן אויף טודעלא, איינע פון די שטעט וואָס האָבן דאַן געהערט צו דער סאַראַגאָסאַ מדינה.

די שטאָט און זיין געבורט־דאַטע איז אָבער פון אַ קלענערער וויכטיקייט אין פאַרגלייך צו אַנדערע ביאָגראַפישע פאַקטאָרן, ווי זיין דעריצאונג: אין תלמוד, אין וועלטלעכער ליטעראַטור און וויסנשאַפט; די קולטור־אַטמאָספער פון זיין יוגנט אין זיין היימשטאָט און זיינע רייזעס איבער קאַסטיליע מיט איר הויפּט־שטאָט טאָלעדאָ. דעריבער נעמט זיך וואָס אייניקע פון זיינע לידער האָט יהודה הלוי באַצייכנט אַלס קאַסטיליאַנער.

אַ גרויסער טייל פון זיינע לידער באַזינגען די גוטע מעלות פון געוויסע פערזאָנען און דאָס איז טאַקע געווען דער מנהג אין יענע צייטן, אויסצוקלייבן אַ פערזאָן און אים באַערן מיט אַ ליד ספּעציעל געשריבן לכבוד אים. געווינלעך פלעגן אַזעלכע לידער געלייענט ווערן אין די

פאַמיליע. היסטאָריקער נעמען נישט אָן די מאָטיוואַציע לויט יאָזעפוס, ווייל ישמעאל האָט דאָך נישט געקאָנט האָפן אַז נבוכדנאצר וועט אים געבן די קרוין איבער יהודה נאָכן דערמאָרדן גדליהון און דעם באַבילאָנישן גאַרניזאָן. פאַראַן אַ מיינונג, אַז בעליס פון עמון האָט אָרגאַניזירט דעם מאָרד מיטן צוועק צו אַנעקסירן יהודה צו עמון און היות עמון האָט זיך נישט געוואָלט אונטער־וואַרפן דער הערשאַפט פון בבל איז די איינציקע האָפע־נונג פון ישמעאל געווען אַז אויב עמון וועט זיגן וועט ער ווערן דער קעניג פון יהודה מיטן חסד פון עמון... (זייער היפּאָטעטיש).

שפּעקולירנדיק אין דער געשיכטלעכער פּערספּעק־טיוו פון דער עפּאָכע קאָן מען אויך אָננעמען, אַז דער מאָטיוו איז געווען קנאה און נקמה.

ס'איז געווען אין דער צייט נאָכן חורבן. דער דעטראָ־ניזירטער מלך פון יהודה יהויכין האָט געשמאַכטעט אין קייטן אין נבוכדנאצרס תפיסה. אַזוי אויך דער לעצטער קעניג צדקיהו, וואָס נבוכדאצר האָט אים אויסגעשטאָכן די אויגן נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעשאָכטן זיינע זין פאַר זיינע אויגן און דאָ קומט א גדליהו (נישט פון קע־ניגלעכן אָפּשטאַם) און נעמט איבער די הערשאַפט איבער די פאַרבליבענע יידן אין יהודה אַלס דאָס פּערזענלעכע אייגנטום פון בית דוד. דערפאַר האָט ער דערמאָרדעט די 70 ייִגן, וואָס זענען געקומען מיט שפּייז אָפּפער קיין מצפה, גלויבנדיק אַז דאָס עצם קומען קיין מצפה באַדייט כבוד פאַר גדליהו דעם פּרעטענדענט צום טראָן פון יהודה — אַלץ שפּעקולאַציעס באַזירט אויף דעם פאַקט, אַז דינאַסטישע מאָרדן זענען נישט געווען קיין אויסער־אָרדנטלעכע נייעס. די געשיכטע פון די מאָנאַרכיעס פון ישראל און יהודה איז אַ קייט פון דינאַסטישע מאָרדן.

אין 212 יאָר פון מלכות ישראל זענען געווען ניין פאַרשידענע דינאַסטיעס. נאָר איינצלנע פון די 19 מלכים האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן. דער צושטאַנד אין יהודה איז נישט געווען אַ סך בעסער. דאָרט האָט געהערשט די דינאַסטיע פון בית דוד, אָבער פון די צוואַנציק מלכים זענען זיבן דערמאָרדעט געוואָרן. דער פּאָסטן פון יידישן מלך איז ממש געווען לעבנס־געפערלעך (אַ לעבנס־פאַר־זיכערונגס־געזעלשאַפט וואָלט אַ יידישן מלך אין יענע צייטן נישט אַסעקורירט...).

דער מאָדר איבער גדליהו פאַסט זיך אַרייך אין דער טרויעריקער קייט פון די פּערזענלעכע דינאַסטישע מאָרדן. אויך דובנאָוו נעמט אָן דעם מאָטיוו: „פּערזענלעכע קנאה".

דער צוועק פון מיינע אויספירונגען ביז איצט איז געווען אויפצווייזן די פאַלשקייט פון דער באַהויפּטונג, אַז דער מאָרד איבער גדליהון איז געווען פאַרבונדן מיט אַ „פּאַטריאָטישער פאַרטיי". די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט פריינד יצחק קאַהאַן באַדאָרפן בכדי צו מאַכן די „פּאַטריאָטישע פאַרטיי" פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנ־סעקווענצן פון דעם מאָרד: „זייער טייער האָט דערפאַר דאָס פאָלק באַצאָלט, ווען נבוכדנאצר האָט צוליב דעם מאָרד איבער גדליהו געשיקט די שווידערלעכע דריטע שטראָף עקספּעדיציע זיך אָפּצורעכענען מיטן לאַנד"... „צוליב וועלכער עס איז געקומען אַזאַ שווידערלעכער חורבן פון פאָלק און לאַנד".

אָבער אויך די דאָזיקע באַהויפּטונג איז היסטאָריש פאַלש.

לויט יאָזעפוס און אַנטדעקטע באַבילאָנישע דאָקו־מענטן איז די אַזוי גערופענע „דריטע עקספּעדיציע" נישט געווען אַ שטראָף עקספּעדיציע קעגן יהודה. זי איז פאָרגעקומען מער ווי גאַנצע פיר יאָר שפּעטער, סוף 582 (אין פינפטן יאָר נאָכן חורבן און איז געווען געווענדעט קעגן סיריע, עמון, מואב און מצרים. אויפן וועג צוריק האָט נבוכדנאצר אויך פאַרטריבן 745 יידן קיין בבל. די דאַטע און צאָל שטאַמט פון ירמיה קאַפּיטל 52:30. אויך גרעץ נעמט אָן די צאָל און דובנאָוו שרייבט: „אַ פּאָר הונ־דערט יידישע משפחות".

במילא האָט די עקספּעדיציע נישט געהאַט קיין שייכות מיטן מאָרד איבער גדליהו און די צאָל פאַרטריבע־נע 745 נפשות קאָן נישט באַצייכנט ווערן אַלס אַ „שווי־דערלעכן חורבן פון פאָלק און לאַנד". אַ טייל היסטאָרי־קער באַנוצן זיך מיט דעם וואָרט „דריטע עקספּעדיציע", ווייל דאָס איז געווען דאָס דריטע מאָל פון פאַרטרייבן יידן קיין בבל.

אינטערעסאַנט: לויט יאָזעפוס זענען די 745 נפשות פאַרטריבן געוואָרן פון מצרים און נישט פון יהודה (זייער היפּאָטעטיש, יאָזעפוס שטיצט זיך וואַרשיינלעך אויף ירמהיוס נבואה). אָבער גרעץ און דובנאָוו נעמען אָן אַז נבוזרדאַן האָט זיי געפאַנגען אין יהודה (גרעץ, באַנד 1, קאַפּ. 17, ענגלישע אויסגאַבע).

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיינע שפּעטערע אויספירן איז כדאי צו דערמאָנען וואָס עס איז געשען מיט די יידן וואָס יוחנן בן קרח האָט באַפרייט פון דער מערדער־באַנדע.

ירמיה באַריכטעט (קאַפּ. 42), אַז יוחנן בן קרח און די שרי החילים האָבן מורא געהאַט, אַז נבוכדנאצר וועט זיי און אַלע יידן באַשטראָפן פאַר ישמעאלס פאַרברעכן און דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן מיט אַלע יידן צו אַנט־לויפן קיין מצרים. ירמיה האָט זיי אין אַ פּראַכטפולער שפּראַך אויפגעפאָדערט צו פאַרבלייבן אין יהודה און זיי פאַרזיכערט אין נאָמען פון גאָט, אַז זיי זאָלן זאָלן נישט מורא האָבן פאַר נבוכדנאצר, אויב זיי וועלן פאַרבלייבן וועט זיי גאָר נישט געשען, נאָר אויב זיי וועלן זיך נישט צוהערן צו גאָטס וואָרט און וועלן פאַרלאָזן יהודה, וועט די שווערד וואָס איר האָט מורא פאַר איר, אייך דאָרט דערגרייכן אין לאַנד מצרים"... יוחנן בן קרח און זיינע אָפיצירן האָבן נישט געפאָלגט און זענען אַוועק מיט אַלע יידן קיין מצרים, מיטנעמענדיק ירמיהון און זיין סעקרעטאַר ברוך בן נריה...

אויב אָבער דער מאָרד איבער גדליהון איז בלויז געווען אַ טראַגישער אינצידענט אָן שום קאָנסעקווענצן

טע. אפילו די שטעלע, וואָס דער מחבר ציטירט פון מלכים ב' קאַפּ. 25:25, „און עס איז געווען אין זיבעטן חודש, איז געקומען ישמעאל בן נתניה, דער זון פון אלישמע, פון קעניגלעכן אָפּשטאַם און צען מענטשן מיט אים און זיי האָבן געשלאָגן גדליהון און ער איז געשטאָרבן א. אַ. וו.״ — שטאַמט פון דעם הויפּט מקור ירמיה קאַפּ. 41, וואָס הויבט זיך אָן מיט די זעלבע ווערטער: „און עס איז געווען אין זיבעטן חודש א.אַ.וו.״.

יאָזעפוס פלאַוויוס, אין „Antiquities of the Jews" (אַלט־ענגלישע אויסגאַבע פון 1825, באַנד 10, קאַפּ. 9) ווידמעט דער היסטאָריקער אַ גאַנצן קאַפּיטל דעם גורל פון גדליהון און די קאָנסעקווענצן פון דעם מאָרד.

האָבנדיק פעסטגעשטעלט די צוויי גרונטזעצלעכע מקורות פון דעם גדליהו פּעריאָד, לאָמיר אַ קוק טאָן ווי די ציטאַטן און פעסטשטעלונגען פון יצחק קאַהאַן זעען אויס אין ליכט פון די מקורות. „אונטער גדליהוס פאַרוואַלטונג האָט דאָס וויסט געוואָרענע לאַנד גענומען קומען צו זיך פון די שווערע קלעפּ. די לאַנד־איינוואוינער וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן פון שונא האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע דערפער און זיך ווידער גענומען צום באַאַרבעטן די ערד״. די דאָזיקע ציטאַטע פון דובנאָוו איז אַ שילדערונג געבויט אויף ירמיה 40:7־12 און אויף יאָזעפוס מיט דעם אונטערשיד, אַז ירמיה באַריכטעט, אַז זיי האָבן איינגעזאַמלט ווייַן און זומער־פרוכטן, און יאָזעפוס דערציילט, אַז גדליה האָט פאַראָרדנט די יידן זיי זאָלן מאַכן פאַרבאַרייטונגען כל זמן דער סעזאָן האַלט אויס איינצוזאַמלען די פרוכטן און פאַרצובערייטן די ערד פאַר דעם ווינטער. מאַכנדיק אַ קיצור פון יאָזעפוסעס שילדערונג (און ירמיהוס) האָט דובנאָוו זיך באַנוצט מיט דעם וואָרט „באַאַרבעטן״ אָנשטאָט „איינזאַמלען״ און אַזוי אַרויסגעלאָזט דעם צייט־עלעמענט, וואָס איז זייער וויכטיק בכדי פעסטצושטעלן ווי קורץ ס'האָט געדויערט דער פּעריאָד פון גדליהון, ווייל שוין אין זיבעטן חודש (586 פ.ק.) איז ער דערמאָרדעט געוואָרן

דער דאָזיקער צייט־עלעמענט איז היסטאָריש זייער וויכטיק, ווייל אויב דער מאָרד איז פאָרגעקומען אין 586 פ. ק., וואָלט דאָך געווען נישט רעאַליסטיש, אַז נבוכדנאצר האָט געוואַרט מער ווי פיר יאָר צו באַשטראָפן די יידן אין יהודה (582 פ. ק). פּראָפ. גרעץ, בכדי צו פאַרענטפערן די קשיא „לייגט איבער״ טאַקע דעם מאָרד ביז 582 פ.ק.), זאָגנדיק אַז גדליה האָט געהערשט פיר יאָר (גרעץ, באַנד 1, קאַפּ. 17). דובנאָוו, דער ערשטער מאָדערנער יידישער היסטאָריקער מיט אַ היסטאָריאָזאָפישער איינשטעלונג, ווייסט אַז גרעץ פאַנטאַזירט אָן מקורות, אָבער אויך דובנאָוו קאָן זיך נישט באַפרייען פון דער פאַרבינדונג צווישן דעם מאָרד און דער „עקספּעדיציע״ אין 582 פ.ק. און דערפאַר דאַרף ער אויך „דערנענטערן״ די צוויי דאַטעס. אַלס אַ מאָדערנער היסטאָריקער מאַכט ער אַ צושריפט צום קאַפּיטל 64 (ערשטער באַנד, דייטשע איבערזעצונג). ער פאַרנאָטירט, אַז די דאַטע פונעם מאָרד איז שווער פעסטצושטעלן. לויט פּראָפ. קיטעל און אַנדערע האָט דער גדליה פּעריאָד געדויערט נאָר צוויי חדשים (פון אב ביז תשרי), אָבער אים איז שווער אָנצונעמען אַזאַ קורצן פּעריאָד.

אָבער די נייע מקורות, ווי „די כראָניק פון די טעג פון נבוכדנאצר״ רעהאַביליטירן יאָזעפוסן. די „דריטע עקספּעדיציע״ האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיטן מאָרד. ממילא קאָן מען אָננעמען פון דער סעקווענץ פון מלכים ב' 25:8־25, וואָס באַריכטעט דעם פּעריאָד פון פינפטן חודש 586 פ.ק. ביז צום זיבעטן חודש, אַז דאָס איז געווען אין זעלבן יאָר און דערפאַר האָט דער ביבלישער כראָניקער, ווען ער קומט צום זיבעטן חודש, נאָך אַ מאָל נישט אונטערגעשטראָכן די יאָר־דאַטע.

איצט לאָמיר נעמען די הויפּט־פעסטשטעלונגען פון יצחק קאַהאַן: „דער מאָרד״... „ אַ רעזולטאַט פון דעם עקסטרעמיזם פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי א.אַ.וו.״ — פאַלש, פיקציע, אָן שום באַגרינדונג.

וואָס ווייסן מיר וועגן דעם מערדער ישמעאל בן נתניה? ירמיה באַריכטעט, אַז יוחנן בן קרח וכל שרי החילים (די אַנטרונענע אָפיצירן, וואָס זענען צוריקגעקומען צו באַזעצן זיך אויף די פעלדער פון יהודה) האָבן געוואָרנט גדליהון „אַז בעליס דער מלך פון עמון האָט געשיקט ישמעאל בן נתניה״ אים צו דערמאָרדן, אָבער ער האָט נישט געגלויבט (ירמיה 40:13־14). אין קאַפּיטל 41 באַריכטעט ווייטער ירמיה, אַז אין זיבעטן חודש האָט ישמעאל צוזאַמען מיט זיינע צען מאַן דערמאָרדעט גדליהון בשעת דער סעודה, וואָס גדליה האָט פאַר זיי איינגעאָרדנט. זיי האָבן אויך דערמאָרדעט די אָנוועזנדע יידן און דעם קליינעם באַבילאָנישן גאַרניזאָן. אויפן צווייטן טאָג האָט די באַנדע דערמאָרדעט 70 יידן, וואָס זענען געקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך „מיט שפּייז אָפּפער און ווייַנרויך אויף צו ברענגען אין הויז פון גאָט״. אַלע אַנדערע יידן פון מצפה האָבן זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט און געלאָזט זיך מיט זיי אין וועג צוריק צו די בני עמון. יוחנן בן קרח און זיינע שרי החילים האָבן נאָכגעיאָגט די פאַרברעכער און באַפרייט די געפאַנגענע יידן. ישמעאל און אַכט פון זיין באַנדע איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין עמון.

פון ירמיהוס באַריכט איז קלאָר, אַז ישמעאל בן נתניה און זיין באַנדע פון צען זענען געווען אַ מערדער־קאָמאַנדאָ געשיקט פון בעליס דעם קעניג פון עמון. וועלכע פּאַטריאָטישע פּאַרטיי? איז דער קעניג פון עמון געווען דער פּרעזידענט פון דער דאָזיקער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי?... קיין שום היסטאָרישער מקור טוט אפילו נישט אָנדייטן אַ וועלכע עס איז פאַרבינדונג פון דעם דאָזיקן מאָרד מיט אַ פּאַטריאָטישער פּאַרטיי.

היסטאָריקער ווילן שפּעקולירן וועגן אַ מאָטיוו פאַר ישמעאלס קאָמאַנדאָ־אַקציע. יאָזעפוס האַלט, אַז זיין ציל איז געווען איבערצונעמען די הערשאַפט איבער די פאַרבליבענע יידן, ווייל ער איז געווען פון דער קעניגלעכער

האָט מיט אַ יאָר צוריק איינגעלאַדן די יידישע פירער צו עפענען אַ דיאַלאָג, מיט צוועק איינצושטעלן מער פריינט־לעכע באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איינלאַדונג איז אַרויפ־געשוואומען די פראַגע: ווער זאָל אָנטייל נעמען אין דעם דיאַלאָג —

די וועלטלעכע פירער פון ישוב — דער עקזעקוטיוו ראַט פון אויסטראַלישן יידנטום — אָדער די רעליגיעזע פירער, די רבנים?

און אויב מען רעדט וועגן רעליגיעזע פירער, דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז עס זענען פאַראַן דאָ צוויי לאַגערן וואָס לעבן נישט תמיד בשלום — די אָרטאָדאָקסן און לי־בעראַלן. אין דער יידיש־ענגלישער פרעסע האָבן מיר געלייענט וועגן דעם דערקלערונגען פון ראַביי לובאָווסקי, נאַטאַן דזשייקאָבסאָן, איזי לייבלער, ד״ר שנייוויס. אפילו די לאַנד־פרעסע האָט געהאַלטן דעם ענין פאַר אַ וויכטיקן און האָט וועגן דעם אינפאָרמירט די לייענער, פאַרעפנט־לעכט אינטערוויוען מיט יידישע פערזענלעכקייטן.

דאָך איז צום ערשטן מאָל מאָל (און אפשר נישט צום ערשטן) אויפגעקומען די פרינציפיעלע פראַגע: ווער רעפּ־רעזענטירט די יידישע געזעלשאַפט אין אויסטראַליע? ווער דאַרף רעדן אין נאָמען פון אַלע יידן — רעליגיעזע און וועלטלעכע, אַסימילירטע און נאַציאָנאַלע, אָרטאָדאָקסן און ליבעראַלן?

אויבנאויפיק קען עס אויסזען, אַז דער דיאַלאָג — פאַרגעשלאָגן פון אַ טעאָלאָג ווי ד״ר יאַ:ג, וועט זיך באַ־גרענעצן צו רעליגיעזע פראַגן. ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז יידיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן זענען נישט אָפּגעריסן פון אַלגעמיין יידישע פראָבלעמען אין דער וועלט. איז מעג־לעך, אַז אין דעם דיאַלאָג זאָל אַרויסקומען די פראַגע, צום ביישפּיל, וועגן ירושלים. מיר ווייסן די באַציאונג פון פויפסט צו דעם ענין. איז אפשר נויטיק צו איבער־ציגן און געווינען אַ הויכן קאַטוילישן גייסטלעכן פאַר דער שטעלונג פון ישראל, אַז קודם איז די מדינה די פּאַסיקסטע אינסטאַנץ אָפּצוהיטן די קריסטלעכע הייליקע ערטער; אַז ירושלים איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מדינה, און במילא קאָן ישראל נישט איינגיין אויף קיין שום ענדערונגען אין איר סטאַטוס, ווי די הויפּט־שטאָט פון דער מדינה. דאָס איז אַן אויפגאַבע פאַר וועלטלעכע פירער. אויב עס וועלן אַנטשטיין רעליגיעזע פראַגן, איז נויטיק צוצוציען רעליגיעזע עקספערטן.

דער גאַנצער ענין אָבער האָט געלאָזן קאַלט דעם יידיש־רעדנדיקן עולם (דעם מזרח־אייראָפּעאישן). אַ חוץ אַ קורצע נאָטיץ פון ש. בענעט אין „שוואַרץ אויף ווייס״ („יידישע נייעס״ פון 4־טן פעברואַר ה. י.) האָט קיינער נישט גענומען קיין שטעלונג צו דער פראַגע. נישט מען דריקט אויס אַ מיינונג דורך בריוו אין רעדאַקציע; נישט מען הערט וועגן דעם אין פריוואַטע געשפּרעכן. איז עס דער רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער באַציאונג צום „באָ־אַרד אָף דעפּיוטיס״ פון יידיש־רעדנדיקן עולם — און במילא די גלייכגילטיקייט?

געזעלשאַפטלעכע אַפּאַטיע איז נישט קיין געזונטע דערשיינונג. עס איז דעריבער די אויפגאַבע פון די פּי־רער פון „באָאַרד״ אַרויסצוגיין פון די ענגע ראַמען פון ענגלישע צייטונגס־דערקלערונגען און ברענגען דעם פּראָבלעם צום יידיש־רעדנדיקן עולם.

ד״ר מ. פערשטענדיק

# דער מאָרד איבער גדליהון — פאַקטן און פיקציע

דערהאַלטן אַן אַרטיקל פון חשובן שרייבער יצחק קאַהאַן (דערשינען דעם 22־טן אָקטאָבער 1976 אין „די יידישע נייעס״), וואָס איך האָב פאַרפאַסט.

דער חשובער מחבר באַהאַנדלט די שעדלעכקייט פון עקסטרעמיזם אין דער אור־אַלטער יידישער געשיכטע אַלס אַ מוסר השכל פאַר דעם היינטיקן דור אין ישראל און אַלס „אַ געשיכטלעכע וואָרענונג פאַר די עקסטרע־מיסטן פון אַלע ווייטערדיקע דורות״.

בין איך מסכים מיט די אויספירונגען פון דעם מחבר וועגן דער שעדלעכקייט פון עקסטרעמיזם בכלל, אָבער פון טענדענצלאָזן, ריין־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, בין איך נישט מסכים מיט דער אויסטייטשונג פון דעם אַלטן קאַ־פּיטל געשיכטע אויף וועלכן דער מחבר בויט זיינע אויס־פירונגען. די אויסטייטשונג איז אַ פאַלשע, די פאַקטן זע־נען פאַלש, אָדער צוגעשפּיצט מיט פאַנטאַזיע.

דער מחבר באַזירט זיינע הנחות און וואָרנונגען אויף דעם מאָרד איבער גדליהון, „צוליב וועלכן עס איז באַ־שטימט געוואָרן דער צום גדליה, אַ רעזולטאַט פון דעם עקסטרעמיזם פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געשטעלט אַלץ אויפן לעצטן קאָרט בעת דעם חורבן בית ראשון״.

יעדער היסטאָריקער האָט אַ רעכט אויסצוטייטשן היסטאָרישע פאַקטן און סעלעקטירן היסטאָרישע פאַקטן לויט זיין היסטאָריאָזאָפישער אויפפאַסונג, אויף וועלכן ער בויט זיין ווערק, אָבער ער מוז זיין געטריי צו די פאַקטן וואָס ער סעלעקטירט און ער מוז זיי אויסטייטשן אין גייסט און אין דער פּערספּעקטיוו פון דער עפּאָכע ווען די פאַקטן זענען געשען.

די פאַקטן שעפּט דער היסטאָריקער פון מקורות. די גרונטזעצלעכע מקורות פון דער רעספּעקטיווער עפּאָכע (גדילהו) זענען:

1) ירמיה. דער נביא איז געווען אַ פּערזענלעכער עדות און בייגעוואוינט דעם אינצידענט אין דער געשיכ־

קומען מיליאָנען נישט־יידן) ליגט אויף די פּלייצעס פון אַ יונגער און קליינער מלוכה צו ברענגען צום משפּט פאַרברעכער פון אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

## נישט זוכן קיין אַלטע חטאים

מען דאַרף מודה זיין: דער אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט פון צוזאַמענפאָר אין ירושלים פאַר יידיש און יידישער קולטור איז אַ וואַרעמער, אַ האָפענונגספולער, אַן אָפּטימיסטישער. אויב אפילו די דערגרייכונגען אין דער צוקונפט וועלן זיך נישט דערהויבן צו די דערוואַרטונגען — איז דער פאַקט גופא פון רופן, אָרגאַניזירן און דורכפירן דעם צוזאַמענפאָר פון היסטאָרישער באַדייטונג. די שטים פון ירושלים האָט דערמונטערט, אָנגעפילט מיט גלויבן דעם קולטור־טוער אין וויטסטן יידישן ישוב, אַז ער איז נישט קיין פאַראיינזאַמטער זעלנער אויף דער וואַך פון אַ פאַרשפּילטער מלחמה, נאָר איינער פון אַ סך, וואָס צוזאַמען שאַפן זיי דעם קערן פון די טרייע חסידי יידיש.

פון אַזאַ דערשיינונג וואָלטן דאָך אַלע וועמען יידיש איז נאָענט באַדאַרפט זיך צופרידן. ווי אין יעדער געזעלשאַפט אָבער, זענען אויך ביי אונדז, יידיש לייט, פאַראַן אומצופרידענע. איינער פון זיי איז דער רעדאַקטאָר פון „סאָוויעטיש היימלאַנד" אהרן ווערגעליס. אויף גאַנצע 14 זייטן („סאָוו. היימלאַנד" נומ. 10, 1976) פּרובירט ער באַווייזן (אָדער באַרעכטיקן) זיין שטעלונג און צוגאַנג צום ציוניזם בכלל און דער אָפּגעהאַלטענער קאָנפערענץ בפרט.

ווי אַ טרינקענדיקער וואָס כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי כאַפּט זיך ווערגעליס אָן אין אַן אַרטיקל פון ש. שיכאַטאָוו („אונדזער צייט", פעברואַר 1976). אין דעם אַרטיקל זוכט ער אַ „פּאַדפּאָרע" פאַר זיין וואַקלדיקער טעזע, ווייל אין די „לינק־פּראָגרעסיווע" יידישע זשורנאַלן און צייטונגען פון אַמעריקע האָט ער עס נישט געקאָנט געפינען.

פון דער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז פון דער פּאָזיציע וואו ווערגעליס געפינט זיך קאָן מען נישט פירן קיין פרייע דיסקוסיע. עס איז דעריבער צוועקלאָז אָנצוהויבן אַזאַ דיסקוסיע.

עפּעס איז פאָרט נויטיק צו זאָגן וועגן דעם ענין:

די יידישע געזעלשאַפט אין ישראל (און אין אַנדערע לענדער) האָבן אויפגענומען די יידישע קאָמוניסטן פון פוילן און אָנשטאָט זיי צו שטעלן פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן רעהאַביליטאַציע־געריכט, האָט מען זיי אין פאָראויס מוחל געווען זייערע חטאים קעגן יידישן פאָלק און קעגן יידן־יחידים. מען איז אַרויסגעגאַנגען פון שטאַנדפּונקט, אַז פון זייערע קאָמוניסטישע פּאָזיציעס האָט מען זיי פאַריאָגט צוליב דעם וואָס זיי זענען יידן און זיי האָבן ווידער געמוזט נעמען דעם אַלטן יידישן וואַנדער־שטעקן אין האַנט.

פאַר וואָס זשע דאַרף מען נישט מוחל זיין די ציריניסטן זייער באַציאונג צו יידיש אין די פאַרגאַנגענע יאָרן ווען היינט באַמיט זיך אַ באַדייטנדיקע גרופּע פון אָט דער באַוועגונג אויפריכטיק צו ענדערן די דאָזיקע באַציאונג?

מיר באַטראַכטן דעם ירושלימער צוזאַמענפאָר ווי דעם ערשטן שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג — אַ ממשותדיקער באַוויז פון אַ נייער באַציאונג צו יידיש.

דעריבער, אָנשטאָט צו זוכן אַלטע חטאים, וואָס פירן צו פּרוכטלאָזע דיסקוסיעס — לאָמיר געמיינזאַם אויפהאַלטן דעם פאָלקס־פאַרמעגן — יידיש.

מ. א.

---

מעם

## געזעלשאַפטלעכע אַפּאַטיע

די וויכטיקייט פון אַ געזעלשאַפטלעכן פּראָבלעם קאָן מען מעסטן לויטן אָפּרוף פון דער געזעלשאַפט; ווי אַזוי זי נעמט דעם דאָזיקן פּראָבלעם אויף. ווי טיף ער דערגייט צום באַוואוסטזיין פון דער געזעלשאַפט; ווי ווייט ער רודערט אויף דאָס געוויסן און די באַדערפעניש פון יחיד צו לאָזן וויסן זיין מיינונג, זיין באַציאונג צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

ווען מיר זאָלן זיך באַנוצן מיט דער דאָזיקער מאָס אין מעלבורן, וואָלט אויסגעקומען אַז דאָס יידישע לעבן איז אַ שטילער האַפן אין וועלכן עס דרימלען (אָדער זשאַווערן) אונדזערע געזעלשאַפטלעכע שיפן.

דער אמת איז: מיר האָבן נישט וויניקער פּראָבלעמען ווי יעדער אַנדערער ישוב. איינער פון זיי, וואָס באַוויזט באַשיינפּערלעך ווי ווייט די געזעלשאַפטלעכע אַפּאַטיע גרייכט ביי אונדז — איז דער ענין וועגן דעם פּראָיעקטירטן דיאַלאָג צווישן קאַטאָליקן און יידן.

אין מיטלאַלטער, און אפילו שפּעטער, זענען פאָרגעקומען אַזעלכע דיספּוטן וואָס די קאַטוילישע בישאָפן האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף די יידן, האָבנדיק אין זינען דעם אויסגאַנג פון דיספּוט אויסצונוצן ווי העך־מאַטעריאַל פאַר פּאָגראָמען אָדער אַנדערע יידן־פאַרפאָלגונגען.

אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די פאָרם פון דיאַלאָג פּאָפּולער, ספּעציעל אין אַמעריקע. אין דער דעמאָקראַטישער אַטמאָספער פון קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ (פּאָליטישער ווי רעליגיעזער) נעמט דער דיאַלאָג אָן די פאָרם פון אַ פריינטלעכן מיינונגס־אויסטויש, וואָס באַגרענצט זיך נישט דווקא צו טעאָרעטיש־טעאָלאָגישע פראַגן, נאָר באַרירט די טאָג־טעגלעכע באַציאונגען אינעם צוזאַמענלעבן פון יידן און קריסטן אין דער געזעלשאַפט.

אין אויסטראַליע איז עס אפשר דאָס ערשטע מאָל, ווען די פראַגע איז אויפגעהויבן געוואָרן. דער קאַטוילישער אַרציבישאָף פון האָבאַרט (טאַסמאַניע) ד"ר יאַנג

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

פעברואַר 1977 נומער 1 (7) מעלבורן, אויסטראַליע


## צום נייעם שול־יאָר

אין דער מאָדערנער סעקולערער געזעלשאַפט, וואו דער מענטש ווערט אָפגעשאַצט נישט לויט דעם צו וועלכער רעליגיע ער געהערט, און אויך נישט לויט דעם וועלכע נאַציאָנאַליטעט איז די מערהייט פון לאַנד — נאָר לויט זיינע פערזענלעכע קוואַליפיקאַציעס ווי אַ מענטש — דווקא אין דער געזעלשאַפט איז דער דראַנג ביים ייד פון פרייוויליקער אידענטיפיקאַציע מעג ער אַליין האָבן דערגרייכט דעם העכסטן געזעלשאַפטלעכן אָדער פראָפעסיאָנעלן סטאַטוס — ציט אים אָבער צום שורש — ער זוכט זיך צו אידענטיפיצירן מיט זיין שטאַם.

ביי יידן איז דער ענין תמיד געווען אַ ביסל קאָמפליצירטער. וואָס העכער אַ ייד איז אַריינגעדרונגען אין דער געזעלשאַפט, אַלץ מער האָט ער זיך אַסימילירט, געזוכט אָפצווישן יעדן שפור פון זיין פאַרגאַנגענהייט. דאָס האָט זיך ראַדיקאַל געביטן. ווי אַנגעהעריקע צו אַנדערע פעלקער, ווילן יידן זיך אידענטיפיצירן מיט זייער פאָלקישער פאַרגאַנגענהייט. עס פאַסירט גאַנץ אָפט אַז דער אינטעלעקטואַל בלייבט שטיין פאַר זיין יידישער פאַרגאַנגענהייט ווי אַ פאַרלוירענער — ער קאָן זי נישט. קיינער האָט זיך נישט געגעבן די מי עס אים צו לערנען.

די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט אַ סך ביי־געטראָגן, אַז ביי פאַרפרעמדטע יידן זאָל זיך נאָסטאַלגיש אָפרופן די יידישע מאַמע. דאָס איז אָבער נישט גענוג. צו געבן סיסטעמאַטיזירטן און דויערהאַפטן וויסן וועגן יידישקייט איז נויטיק אַ יידישע שול. זי אַנטוויקלט ביים יידישן קינד דעם באַוואוסטזיין פון געהערן צו אַן אַלט קולטור־פאָלק.

אין אונדזער ישוב זענען פאַראַן שולן מיט פאַרשיידענע סיסטעמען פון יידישער דערציאונג. הגם מיר באַטראַכטן דאָס לערנען די יידישע שפּראַך ווי דעם ווירקזאַמסטן מיטל קעגן אַסימילאַציע — דאָך דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז אַלע וועגן וועלכע פירן אויפצוהאַלטן יידישקייט דאַרפן דערמוטיקט ווערן.

צום נייעם שול־יאָר באַגריסן מיר דעריבער די איינגעפונדעוועטע, ווי אויך די ניי־אַנטשטאַנענע, חינוך־אינסטיטוציעס און ווינטשן זיי הצלחה אין דערגרייכן דעם געמיינזאַמען ציל: דערציען שטאָלצע, באַוואוסטזיניקע יידן.

## מענטשלעכע לעבנס און — נאַפט

די האַנדלונג פון דער פראַנצויזישער רעפובליק אין פאַל פון אַראַבישן סופער־טעראָריסט אַבו דאַוד איז אַ באַשיינפערלעכער באַווייז פון מאָראַלישער געפאַלנקייט פון אַ לאַנד, וואָס טראָגט זיך אַרום מיטן דע־גאָליסטישן חלום צו ווערן דער וועגווייזער און פירער פון דער מערב־אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע און ציוויליזאַציע.

דער לעצטער פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט פאַרשעמט די הומאַניסטישע שטרעבונגען פון דורות וועלכע האָבן געגלויבט און געקעמפט דערפאַר, אַז אונדזער יאָרהונדער וועט אַריין אין דער געשיכטע ווי דער יאָרהונדערט פון מענטשלעכער גרויסקייט.

באַגריפן ווי: פעטראָ־דאָלאַרן, אויל, דער טעאַטער פון אַבסורד — ווי אַ סינאָנים פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון פאַראייניקטע פעלקער; טעראָר און לופט־פיראַטיזם — סינאָנים פאַר פרייהייט־קעמפער, קינדער־מערדער — סינאָנים פאַר נאַציאָנאַלע העלדן; דיקטאַטור און פאָליטישער טעראָר — סינאָנים פאַר פאָלקס־דעמאָקראַטיעס — דאָס זענען די שטיינער, וועלכע זינקען צום אָפגרונט די שיף פון מענטשלעכער מאָראַל, פון גייסטיקע דערגרייכונגען, פון דורות איינגעשטעלטע ציוויליזירטע מנהגים און געזעצן.

אַבו דאַוד, דער אָרגאַניזאַטאָר פון מאָרד איבער עלף אומשולדיקע ישראל־ספּאָרטלער, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער אָלימפּיאַדע אין מינכען אין יאָר 1972, איז געווען אַ צו הייסע פּאָליטישע קאַרטאָפל אַראָפּצושלינגען סיי פאַר פראַנקרייך און סיי פאַר דייטשלאַנד — דאָס אָרט וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען; דאָס לאַנד וואָס האָט אַלע יורידישע רעכטן דעם פאַרברעכער צו משפּטן.

נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל האָבן אָט די האַנדלונגען באַוויזן, אַז ישראל קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויפן יושר פון די וועלכע שטייען אויף די קני פאַרן אַראַבישן נאַפט, פאַר וועמען עס איז נאָך אַלץ גילטיק דער אַקסיאָם פון ציניקער, אַז — אויל איז געדיכטער פון בלוט.

ריכטיק האָט ישראל געהאַנדלט אין פאַל אייכמאַן און כאָטש פון די אַראַבישע טעראָריסטן ליידן אויך אַנדערע פעלקער (ווי אין פאַל אייכמאַן — זענען אומגע־

# Astronaut Travel Service Pty. Ltd.

אראַנזשירט רייזעס קיין אויסלאַנד און אין לאַנד

18th Floor, M.L.C. Building

Cnr. Collins & Elizabeth Streets, Melbourne, 3000.

Telephone: 62-0041

A.H.: B. WIENER 91-3885

# Jetset Tours Pty. Ltd.

*Package Deals*

די בּעסטע און בּיליקסטע רייזעס אַרום דער וועלט:

האָנג-קאָנג - סינגאַפּור - אייראָפּע און ישראל

אַמעריקע - יאַפּאַן - בּאַלי - אייראָפּע

18th Floor, M.L.C. Building

Cnr. Collins & Elizabeth Streets, Melbourne, 3000.

Telephone: 62-0041

A.H. B. WIENER 91-3885



Printed by E. H. Gibbs & Sons, 19 Niagara Lane, Melbourne, for the publisher S. Goldstein,
7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט


מ. א. — צום נייעם שול־יאר: מענטשלעכע לעבנס און — נאפט: נישט זוכן קיין אלטע חטאים . . . . . 1

געזעלשאפטלעכע אפאטיע . . . . . . . . 2

ד״ר מ. סערשטענדיק — דער מארד איבער גדליהון — פאקטן און פיקציע . 3

יצחק קאהאן — ר׳ יהודה הלוי — אין רעטראספעקט פון 900 יאר 6

י. מ. לעווין — יצחק קאהאן, „שמועסן״ מיט אויסטראלישע שרייבער 9

י. ארבאך — דער יידיש־אמעריקאנער שרייבער סאל בילאו . . 11

סענדער בורשטין — די פריינד פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין מעלבורן . . . . . . . . . . . 12

חירש משעראוויטש — צוויי לידער: חנני; אנוסים . . . . . . . . . 14

קובא געטלער — „מרס. עליזא פרייזער״ . . . . . . . . . . 15

פילמוס — וועגן אויסטראלישע פילמען . . . . . . . . 15

רוטעלעס — וואס יידן זאגן . . . . . . . . . . . . . 16

רחל בעקער — דער כוח פון אפלאדיסמענטן . . . . . . . . 17

י. ווארשאווסקי — „קדימה״־טעטיקייט . . . . . . . . . . . 18

ס. ראבינאוויטש — דער „הזמיר״־כאר אין מעלבורן . . . . . . . 19

ד״ר עוריאל נאקס — דאקומענטן וועגן חורבן . . . . . . . . . 20

עפענונג פון שול־יאר אין די יידישע שולן . . . . 22



ארויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראליע

מעלבורן    נומער 6 (7)    פעברואר 1977